בס"ד / שנה ו' / פרשת במדבר / נומער 310

# קרענצל



# כי לא תשכח מפי זרעו

די שווערע וועגן אנצוקומען | **די היסטארישע שלאקס רעגן** | איך האב געהאט די זכיה צו שפילן אין די חצר | **שעות לאנג געקלעטערט אויף די בערג** | שמועסן מיט אינגעלייט וואס זענען געווען היי יאר ביי רבי שמעון אין מירון.


**ל"ג בעומר אין שטעטל**
שטעטל נייעס

**פרעזידענט טראמפ פראקלאמירט א נאציאנאלן שמירת שבת טאג דעם שבת במדבר**
וועלטליכע נייעס

**וואס מיינט דאס וואקסינען?**
אלץ און אלעמען

**א בליניץ ביי סנעקזיט**
משה ארי' שניצלער

**בס"ד**

פרשת
במדבר
תשפ"ו

**נומער**
**312**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **06** | שטעטל נייעס |
| **08** | עידנו |
| **10** | וועלטליכע נייעס |
| **12** | אלץ און אלעמען |
| **14** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **16** | א ווארט צווי |
| **18** | רבי שמעון רופט |
| **28** | א מעשה פון א צדיק |
| **30** | היכל הלכה |
| **32** | געדאנקען |
| **36** | שבת טיש |
| **41** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראסער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**

צו באקומען איוף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com

איוף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל: 053.315.6938

צענדליגע האבן שוין געזען

# אפענע ניסים



**איינעם בילד:** אונזער פערזענליכע שליח הרב יוסף סאקס שליט"א ביים מתפלל זיין ערב שבת און צינדן א ליכט פאר די תומכים.

רופט היינט דער גבאי

**פאר אייערע פריוואטע קוויטלעך און הזכרות און צו צינדן א שמן זית ליכט פאר א ישועה**


די ישועות קוואל איז אפן:

רופט דער גבאי
347 466 2410

ישועות ביי רבי מאיר

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני


*sruliHeskel

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

# מו"ה יעקב שאול פיש הי"ו

# מו"ה אברהם אליהו זעלקאוויטש הי"ו

# מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו

פארן מנדב זיין

## פרנס החודש אייר

CUSTOM SHOWROOM FINE JUDAICA

MC TOURS
א געשמאקע נסיעה צום רבי'ן צוזאמען מיט אנ"ש...

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע
יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

*sruliHeskel

עיר וקדיש מן שמיא נחית
כי לא תשכח מפי זרעו
מעמד
# הדלקה רבתי
בקרית ברסלב ליבערטי
אשרינו מה טוב חלקינו בהילולא דבר יוחאי

געלויבט דעם אייבערשטן אז די סעודת ל"ג בעומר צוזאמען מיטן הדלקה רבתי איז אדורך מיט א געוואלדיגע סוקסעס.

מיר ווילן זיך באדאנקן פאר אלע פון אנשי שלומינו וואס האבן ארויסגעהאלפן דאס זאל צושטאנד קומען.

## מו"ה ישראל פוקס הי"ו
שמש בבית המדרש

## מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו
הנהלה מעמבער
וואס האט ארויסגעהאלפן
מיט די לעגאלע חלק

## חביבים מעמבערס
מו"ה יואל משה מייזעלס הי"ו
מו"ה גדלי' אפפעל הי"ו
מו"ה נפתלי בוים הי"ו

מו"ה שלום אלי' פעלבערבוים הי"ו
מו"ה יודל אייזנער הי"ו
מו"ה ישעי' שלעזינגער הי"ו

מ"ה אברהם ישראל הי"ו
מו"ה יחזקאל גניסלב הי"ו
מו"ה ישראל וואלקענפעלד הי"ו

## בחורים
נחמן פוקס נ"י
אלימלך עגמי נ"י
אברהם יצחק פוקס נ"י

מאיר פוקס נ"י
יוסף שלמה כהן נ"י
נחמן כהן נ"י

אליעזר שלמה פארקאש נ"י
נחמן נתן וויינבערג נ"י
נפתלי וועבערמאן נ"י

נחמן נתן רוטה נ"י
נחמן עמרם שטראססער נ"י

## שפילערס
מו"ה יוסף איידליס הי"ו
מו"ה יודל ווערצבערגער הי"ו
מו"ה אברהם צווייבל הי"ו

שפילערס

## זינגערס
מו"ה אשר ראנד הי"ו
מו"ה יוסף ישראל שניצלער הי"ו
מו"ה הערשל שניצלער הי"ו
מו"ה בערל שניצלער הי"ו

מו"ה שלמה רוטה הי"ו
מו"ה פנחס דוד וועבערמאן הי"ו
מו"ה שלום שניצלער הי"ו

זינגערס

## מו"ה אליעזר שמן הי"ו
די באס מענעדזשער

## באס דרייווערס
מו"ה פנחס דוד וועבערמאן הי"ו
מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה עזרא משה קויפמאן הי"ו
מו"ה משה מסרי הי"ו
מו"ה דוד ניישטיין הי"ו
מו"ה עזרא בוים הי"ו
מו"ה נח הערש ווייס הי"ו
מו"ה משה ראזענבערג הי"ו

## מו"ה שבתי מזרחי הי"ו
פאר די שאטל דרייווערס

## מו"ה אהרן בערגער הי"ו
שאטל מענעדזשער

## מו"ה פייוול ראזענוואסער הי"ו
פארן מנדב זיין די סאוער דאו און דיפס

## מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו
פאר די גרעפיק

## קלמן אליעזר מזרחי
פאר די גרויסע לייטס ביים מעמד

## מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו
## וזוגתו תחי'

## די תלמידות בית פיגא

## אלע חשובע משפחות
## וואס האבן געברענגט עסן

# החותם בשם הגבאים

*sruliHeskel

# שטעטל נייעס



## הערליכער ל"ג בעומר אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

עס איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער דעם הערליכן ל"ג בעומר וואס מיר האבן איבערגעלעבט אין שטעטל, אבער מיר וועלן פרובירן אראפצולייגן אין שריפט דאס וואס מיר האבן מיטגעהאלטן, ווען מיר האבן געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געפראוועט מיט אונז דעם שיינעם יום טוב ל"ג בעומר.

שוין א לאנגע צייט בעפאר, האבן די גבאים אריינגעלייגט אומגעהויערע כוחות אהערצושטעלן דעם מעמד אויפ'ן בעסטן אופן. מ'איז געזיצן שעות אויף שעות און אויסגעארבעט יעדן דעטאל פונעם מעמד און אזוי אויך די סעודה. ווי די גבאים געבן איבער איז דער יום טוב אריבער פיל שענער און בעסער ווי זיי האבן געפלאנט; דער אייבערשטער האט אלעס געפירט אזוי שיין, און עס איז געלונגען אויף א פיל שענערן וועג ווי זיי האבן זיך נאר געקענט פארשטעלן.

אין די נאכמיטאג שעה'ן האט זיך שוין אנגעזען א גרויסער פארקער פון קארס וואס האבן אנגעהויבן קומען פון נאנט און ווייט. עס זענען געקומען פילע אידן פון גאנץ גרעיטער ניו יארק, און אפילו פון אזוי ווייט ווי קאנאדע.

מען איז צוגעפארן צו איינע פון די צוגעגרייטע פארקינג ערטער, פון וואו שאטל באסעס האבן אפגעפירט דעם ציבור צו די האשקי גאס וואס פירט צום בית המדרש. די גאס איז געווען גענצליך אפגעשפארט פאר קארס, א זאך וואס האט זיך ב"ה זייער גוט אויסגעארבעט, און איז געווען גאר גוט פאר די סעיפטי פון די באטייליגטע.

אין בית המדרש איז געווען צוגעגרייט א שיינע געשמאקע סעודה מיט חלות, פיש, פלייש און ווארעמע מאכלים. דער ציבור האט זיך געוואשן צו דער סעודה, און מען האט געזען אנשי שלומינו אויסנוצן די צייט אינצווישן אריינצוכאפן די שיעורים: חומש רש"י, משניות, זוהר, תיקוני זוהר און אזוי ווייטער.

צום ערשט זענען פארגעקומען די סיומים אויף זוהר און תיקוני זוהר; דער גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו האט אויסגערופן די אלע וואס האבן געמאכט סיומים, אריינגערעכנט דעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט מסיים געווען זוהר. פילע אינגעלייט און בעלי בתים, כאטש זיי זענען פארנומענע מענטשן, האבן זוכה געווען מסיים צו זיין דעם הייליגן זוהר און תיקוני זוהר. אזוי אויך כולל אינגעלייט, וואס לערנען א גאנצן טאג גמרא, תוספות און הלכה, האבן זיך געמאכט צייט צו לערנען דעם הייליגן לימוד פון רבי שמעון בר יוחאי.

אזוי אויך האט הר"ר יעקב משה אינדארסקי שליט"א זוכה געווען צו מאכן א סיום צום ערשטן מאל אויף זוהר הקדוש, וואס האט אלעמען מעורר געווען; אז אויב א איד מיט א ווייסע בארד האט געקענט אנהייבן און ענדיגן יעצט דאס ערשטע מאל, קענען די אינגערע זיכער.

גרשון קרעמער

דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלכער האט ארויסגעברענגט פארוואס דער טאג ל"ג בעומר איז איבעראל אנגענומען אלס א גרויסער טאג - א זאך וואס מען זעט נישט ביי קיין שום אנדערן צדיק.

עס זענען דא צדיקים וואס מען פראוועט זייער יארצייט בלויז אין א געוויסן קרייז אדער אין געוויסע לענדער, אבער ביי רבי שמעון איז עס איבעראל: חסידים, ליטאים, אשכנזים, ספרדים און אזוי ווייטער. דאס איז ווייל רבי שמעון האט איבערגעלאזט עפעס וואס א דאנק אים קענען מיר ווייטער אנגיין אין לעבן. ווי דער הייליגער רבי שרייבט אין ליקוטי מוהר"ן, אז רבי שמעון האט געזאגט "לא תשתכח תורה מישראל" ווייל עס שטייט "כי לא תשכח מפי זרעו"; זאגט דער רבי אז די סופי תיבות פונעם פסוק וואס רבי שמעון ברענגט איז "יוחאי", וואס דאס איז מרמז אז דורך רבי שמעון - דער זון פון יוחאי - וועט מען האבן א קיום אין גלות, ווייל דורך דעם ספר זוהר הקדוש וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פונעם גלות.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אלע זיסע עצות וואס דער רבי אנטפלעקט אונז, שטאמען פונעם זוהר הקדוש: דאס רעדן צום אייבערשטן, זיך פרייען מיט יעדע מצוה, זיך פרייען מיט פשטות יהדות, דער סדר דרך הלימוד, שלום בית, און אזוי ווייטער. אלעס זעט מען אינעם זוהר הקדוש, וואס דער הייליגער רבי לערנט דאס אויס פאר אונז פשוט'ע מענטשן, כדי מיר זאלן אויך קענען זיין נאנט צום אייבערשטן און האבן א גוט לעבן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס איז זייער כדאי אז יעדער זאל זיך מאכן א שיעור צו זאגן זוהר און תיקוני זוהר; מען דארף עס נישט פארשטיין, בלויז זאגן די ווערטער איז מקדש און מטהר א מענטש. מיט דער צייט וועט מען שוין פארשטיין, און אפילו אויב נישט, איז אויך גארנישט, ווייל אין הימל וועט מען שוין לערנען מיט א מענטש דאס וואס ער האט זוכה געווען צו זאגן דא אויף דער וועלט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א זייער געבעטן אנשי שלומינו מיט טרערן אין די אויגן מען זאל זיך איבערקלערן איבער דעם וואס מען ברענגט אהיים א טעלעפאן. "וועלכע רב האט דיר דאס מתיר געווען?", האט דער ראש ישיבה געפרעגט מיט ווייטאג. ער האט געזאגט: דו רעדסט זיך איין אז פאר מיר וועט דאס שוין נישט שאטן, וואס איז אויך נישט אמת, אבער וואס וועט זיין מיט דיינע קינדער? באלד טרעפסטו זיך מיט א בחור און דו וועסט קומען וויינען אז דיין בחור האט זיך איינגעהאנדלט א טעלעפאן און דו ווייסט נישט וואס צו טון.

דערנאך האט מען געבענטשט און מען איז ארויס צום מעמד ההדלקה.

די גבאים האבן צוגעגרייט א הערליכע הדלקה אויף א הויכע פלאטפארמע, וואו מען האט אנגעגאסן די פילע שטיקער וואטע מיט שמן זית, אלע האבן געהאט די געלעגנהייט ארייצוגיסן אויל. דענאך האט דער ראש ישיבה אנגעצינדן די הדלקה מיט גרויס שמחה. די בעלי מנגנים האבן געשפילט די הערליכע נאסטאלגישע מירונ'ער ניגונים, צו וואס דער ציבור האט געטאנצן מיט גרויס שמחה און התעוררות.

אנשי שלומינו האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אויסצובעטן אלעס גוטס און צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף זיינע פילע חסדים.

דער ציבור האט פארלאזט דעם מעמד מיט א גרויסע התעוררות וואס מען נעמט מיט אויף ווייטער, צו לעבן מיט די עצות וואס דער הייליגער תנא האט אונז איבערגעלאזט.



# צירנו

## דאקטערס אפיס ווערט פארמאכט

דער אפיס פון Crystal Run Healthcare OB/GYN, וואס אסאך איינוואוינער האבן גענוצט פאר פרויען-דאקטוירים, האט געמאלדן אז זיי וועלן צומאכן זייער לאקאציע דעם קומענדיגן July 1, 2026.

לויט ווי זיי געבן איבער, וועלן פיר פון די זעקס דאקטוירים פארלאזן דעם אפיס, בשעת א טייל סערוויסעס וועלן אריבערגיין אונטער די פירערשאפט פון Garnet Health Doctors אין מאנטיסעלא.

טייל פאציענטן וועלן ווייטער קענען באקומען סערוויסעס דורך Garnet Health Doctors אינעם העריס שפיטאל, אבער אנדערע וועלן דארפן פארן צום הויפט צענטער אין Middletown פאר ווייטערדיגע באהאנדלונגען און אפוינטמענטס.

דער עולם ווערט געבעטן זיך צו פארבינדן מיט זייער דאקטאר צו באשטעטיגן וואו פונקטליך די קומענדיגע אפוינטמענטס וועלן פארקומען, און וועלכע סערוויסעס עס וועלן נאך זיין צובאקומען דא אין געגנט. די וואס ווילן טוישן, וועלן דארפן זיך פארבינדן מיט Crystal Run Healthcare OB/GYN און באשטעטיגן אז זיי ווילן פארלאזן דעם אפיס.

## פריעע עסן

ווי באקאנט, איז אין די לעצטע שטיק צייט געווארן פאפולער א נייע פראגראם אונטער וואס משפחות וואס קוואליפיצירן קענען באקומען עסן אפגעשיקט אהיים.

אזויווי עס איז א נייע פראגראם ווילן מיר קלארשטעלן עטליכע זאכן ארום דעם.

דער פראגראם איז א פראגראם דורך מעדיקעיד, ווי משפחות וואס צוליב א מעדעצינישע סיבה קענען זיי נישט אליין אנגרייטן עסן, גיבט מעדיקעיד עסן. א מעדעצינישע סיבה קען זיין אדער אז מען האט געהאט לעצטנס א קינד, אדער אז מען ווארט א שמחה, מען האט א קינד וואס איז געווען א 'פרימי'. אדער פיל אנדערע סיבות וואס קען זיך מאכן.

דער פראגראם איז גאר גרינג צו באקומען, מיט בלויז א פאון רוף. זיי פארלאנגן נישט קיין שום פאפירן פון אינקאם אדער אנדערע זאכן. מען דארף בלויז האבן מעדיקעיד. זיי גיבן די אפציע פון אויסוועלן צווישן באקסעס עסן פון גראסערי, אדער געקאכטע עסן פון א קעיטערער.

אזויווי עס זענען דא אסאך משפחות וואס ווארטן צו ארייננגיין אין די פראגראם, נעמט עס יעצט עטליכע וואכן צו ווערן אפראווד. אבער א ריזיגע מערהייט פון משפחות ווערן אפראווד נאך עטליכע וואכן.

ב"ה אז די הנהלה האט ארייננגעברענגט די לעמענעיד גראסערי אונטער דעם פראגראם. אזוי אויך ארבעט מען יעצט ארייינצוברענגען D&S Appliances אין די פראגראם, צו קענען באקומען אפלייענסעס דירעקט פון מעדיקעיד.

די נומער ארייינצורופן איז 845-351-8551 עקסטענשען 2, זיי פרעגן עטליכע פראגעס און גייען איבער די אפליקאציע און מאכן זיכער אז עס ווערט

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## פרשת במדבר
## כ"ט אייר

**מנחה**
**מעריב**

פרשת נשא
09:10

הדלקת הנרות .. 07:53
מוצאי שבת ...... 09:25

**באנים לשבת קודש**

**טוי באוט וומרטשמר**




די עסן פון די באקסעס פאר די משפחות

באשטעטיגט דורך די סטעיט.

בייגעלייגט איז א בילד וואס א משפחה מיט דריי קינדער באקומען א וואך. אנדערש ווי אלע אנדערע געשעפטן, טוט לעמאנעיד גראסערי דא אין שטעטל נישט שיקן יעדע וואך די זעלבע זאכן, נאר האלטן קאפ אויף וואס מען שיקט און מאכן זיכער אז א אידישע שטוב האט אלעס וואס מען דארף.

## ברסלב'ע פלייש

הודו לשם כי טוב!

נאך עטליכע יאר פון מי און פלאג, און פון אסאך תפילות, איז ענדליך דא צו באקומען "ברסלב'ע פלייש". גע'שחט'ן דורך שוחטים וואס גיין אין מקוה און מאכן התבודדות יעדן טאג, אונטער די השגחה פון הגאון הדומ"ץ שליט"א.

די פרייזן זענען שפאט ביליג. צו באשטעלן קען מען רופן מו"ה נח הערש ווייס הי"ו, און מען באקומט דאס אפגעשיקט אהיים.

מער דעטאלן איבער וויאזוי עס איז צושטאנד געקומען און אלע פרטים ארום וועט מען אי"ה פארעפנטליכן אין די קומענדיגע וואכן דא אינעם בלעטל.

**נייעס'לעך**

# וועלטעלע



## פרעזידענט טראמפ פראקלאמירט א נאציאנאלן שמירת שבת טאג

אמעריקאנער אידן זענען פרייליך מיט טראמפ'ס פראקלאמאציע, נאכדעם וואס ער האט אויסגערופן א "נאציאנאלע שמירת שבת" אויף דעם קומענדיגן שבת קודש פרשת במדבר הבעל"ט. ער האט געזאגט אז אלס א טייל פון אמעריקע'ס אפצייכענונג פונעם 250'סטן געבורטסטאג, וויל ער מוטיגן אמעריקאנער אידן צו היטן דעם שבת, ערקלערנדיג אז דאס וועט זיין א געוואלדיגע געלעגנהייט זיך אפצורוען פון די טאג-טעגליכע הו-הא, און וועט געבן צייט זיך מתבונן צו זיין און דאנקען דעם אייבערשטן.

אויסער דעם האט ער פראקלאמירט דעם גאנצן חודש מאי פון דעם יאר למספרם אלס א "אידישע מסורה מאנאט", און געזאגט אז אמעריקע איז שטארק דאנקבאר פאר די אידן און אנערקענט אז אידן האבן געהאט א גרויסן חלק אין בויען און מייסד זיין אמעריקע. אמעריקע שטייט אויף פילע וויכטיגע ווערטן וואס אידישקייט האט איר געגעבן, ווי פרייהייט, אמונה און פאמיליע.

דאס איז דאס ערשטע מאל וואס אן אמעריקאנער פרעזידענט רופט ארויס רעקאמענדאציעס פאר א ספעציפישן אידישן שבת. דאס איז געמאלדן געווארן אלס טייל פון "אידישע העריטעדזש חודש" (Jewish American Heritage Month).

אין זיין רעדע האט ער דערמאנט חיים סאלאמאן, דער באקאנטער איד וואס האט פינאנצירט די אמעריקאנער רעוואלוציע, און דעם בריוו פון דזשארדזש וואשינגטאן צו די אידן אין ניופארט איבער רעליגיעזע פרייהייט.

לאמיר שרייבן אין קורצן די היסטארישע פאקטן: אין יאר 1781, ווען דזשארדזש וואשינגטאן האט זיך געגרייט פאר די גאר וויכטיגע יארקטאון מלחמה, האבן די סאלדאטן געסטראשעט מיט א רעוואלט ווייל זיי האבן נישט באקומען באצאלט. ווען וואשינגטאן האט זיך אדורכגעשמועסט מיטן פינאנץ מיניסטער ראבערט מאריס וואו מ'נעמט געלט, האט וואשינגטאן געזאגט: "שיק נאך חיים סאלאמאן" (Send for Haym Salomon). סאלאמאן האט טאקע שנעל אויפגעטריבן די נויטיגע $20,000 וואס האט דערמעגליכט דעם זיג.

אין שיקאגא געפינט זיך א באקאנטע סטאטוע (Heald Square Monument) וואו מ'זעט וואשינגטאן שטיין אינמיטן, האלטנדיג די הענט פון ראבערט מאריס און חיים סאלאמאן. דאס סימבאליזירט די דריי מענטשן וואס האבן געראטעוועט אמעריקע – איינער מיט סטראטעגיע און צוויי מיט געלט.

סאלאמאן האט אויסגעליגן געלט אן פראצענט פאר עטליכע פון וואשינגטאן'ס נאנטע קאלעגן, אריינגערעכנט דזשעימס מעדיסאן און טאמעס דזשעפערסאן, כדי זיי זאלן קענען אנגיין מיט זייער ארבעט ווען די נייע רעגירונג איז געווען אפגעברענט.

עס איז דא א לעגענדע (כאטש היסטאריקער זענען נישט זיכער אויב עס איז 100% אמת) אז וואשינגטאן האט געפרעגט

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

**גרשון קרעמער**

סאלאמאן וואס ער וויל אלס באלוינונג. סאלאמאן האט געענטפערט אז ער וויל גארנישט פאר זיך, נאר אז זיין פאלק זאל באקומען אנערקענונג. לויט די מעשה האט וואשינגטאן צוליב דעם געהייסן אויסשטעלן די 13 שטערנס אויפ'ן אמעריקאנער דאלאר (די "Great Seal") אין א פארעם פון א מגן דוד.

אין זיין נייע פראקלאמאציע פאר 2026, האט טאקע פרעזידענט טראמפ דערמאנט חיים סאלאמאן אלס א מענטש וואס האט זיך מוסר נפש געווען און וועקגעגעבן פאר אמעריקע'ס פרייהייט.

אזוי אויך האט טראמפ ציטירט דעם בארימטן בריוו וואס וואשינגטאן האט געשריבן צו די אידן אין ניופארט, וואו ער האט צוגעזאגט אז אמעריקע וועט קיינמאל נישט טאָלערירן קיין האס אדער רדיפות קעגן אידן.

מען דערציילט אויפן הייליגער צדיק רבי אברהם ב"ר נחמן אז אין זיין לעצטן טאג אויף דער וועלט, ווען דער צדיק האט זיך געגרייט צוריקצוגעבן זיין נשמה אויף זיין קראנקן בעט, איז די חברה קדישא אריבערגעקומען, אים צוגרייטן ווי דער סדר איז.

די חברה קדישא האט זיך אנגערופן צו אים: "ר' אברהם, איר האט זיך שוין מתוודה געווען?" האט ר' אברהם געענטפערט: "איר מיינט אז איך האב געווארט אויף אייך איר זאלט מיר דערמאנען זיך מתוודה צו זיין פארן אייבערשטן? א גאנץ לעבן גרייט איך מיך צוריקצוגיין צום אויבערשטן, און איך בין מיך כסדר מתוודה."

שיין וועלן מיר אויסזען אויב מיר דארפן צוקומען צו טראמפ ער זאל אונז דערמאנען צו היטן שבת, ער זאל אונז דערמאנען "אידישע ווירדן", אדער ווי שיין עס איז "זיך אויסצורוען און זיך מתבונן זיין".

מען קען נישט זיין קיין ערליכער איד אויב מען האט נישט קיין מורה דרך. ווער איז דיין מורה דרך? עי-איי (AI)? טראמפ? סאשעל מידיע?

אויב דו ווילסט האבן א גוט זיס לעבן, דו ווילסט זיין פרייליך מיט'ן שבת און שפירן די חשיבות פון אידישקייט, מוזטו טרעפן א צדיק - איינער וואס ברענגט דיך נענטער צום אייבערשטן און דערמאנט דיך כסדר וואס דיין פליכט איז דא אויף דער וועלט. טרעף א צדיק, וועט דיר זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!

***נאך איין שבת און מיר גייען אהיים***



# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## וואקסינען

**שאלה**

א גוטן ר' גרשון קרעמער, קענסט מיר ביטע מסביר זיין וואס מיינט דאס "וואקסינען"? און וויאזוי ווערט מען "וואקסינירט"?
אזוי אויך וויל איך וויסן פארוואס די מוסדות זענען אזוי שטרענג נישט אנצונעמען קיין קינדער וואס האבן נישט באקומען קיין וואקסינען?
יישר כח.

משה טייטלבוים

**ענטפער**

וואקסינירן מיינט אז מען מאכט דעם מענטש ער זאל זיין צוגעגרייט, אז אויב עס פאסירט ח"ו די קרענק אויף וואס מען געבט די וואקסינאציע, זאל ער עס קענען באקעמפן און זיך שלאגן דערמיט. למשל, א מענטש וואס ווערט וואקסינירט אין די יונגע יארן מיט אמונה און בטחון – מען האט אים אויסגעלערנט פון ווען ער איז נאך א קליין קינד אז מען קען רעדן צום אייבערשטן, מען לערנט אים אויס צו לעבן מיט קדושה און טהרה, און ער זאל וויסן אז עס זענען דא קראנקע מענטשן פון וועמען מען דארף שטיין ווייט – אזא קינד וועט אויפוואקסן געזונט בעז"ה, און ער וועט זיך קענען שלאגן קעגן אלע קרענק און אנשיקעניש וואס וועלן אים נאך אונטערקומען.

בנוגע דעם וואס דו פרעגסט, פארוואס די מוסדות זענען אזוי שטרענג נאר אנצונעמען קינדער וואס האבן באקומען די וואקסינען? ווייל די וואקסין "לערנט אויס" דעם קערפער וויאזוי צו באקעמפן די מחלה וואס די ארומיגע האבן.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו ווי פאלגנד: "דיין ווייב האט מיר געשריבן איך זאל איר אויסקלארן וועגן געבן פאר די קינדער שאטס, ווייל די עלטערן שטייען טאג און נאכט און האקן אין קאפ קעגן שאטס, אז אלע צרות קומען דערפון.

דער רבי האט געזאגט מען זאל געבן פאר די קינדער וואקסינען. דער רבי האט געזאגט, אז אפילו ווינטער ווען עס איז שטארק קאלט זאל מען פארן מיט די קינדער צום דאקטער געבן וואקסינען.

אנדערע ווילן זאגן אז דער רבי רעדט נישט פון די היינטיגע וואקסינען, און אז היינט איז דאס יא שעדליך. קומט מוהרא"ש און זאגט אין שו"ת ברסלב (חלק ז, מכתב תתטז, ועוד) מען זאל געבן וואקסינען פאר די קינדער, אזוי טו איך און אזוי טוען אלע תלמידי היכל הקודש.

לאז זיך זיך נישט פארנארן מיט די נארישע דמיונות אז אלע פראבלעמען קומען פון די וואקסינען. איינמאל מען הייבט אן אויסצוהערן די שטותים ווערט מען אינגאנצן פארפירט, און מען קען אנקומען צו סכנות'דיגע זאכן.

דער ראש ישיבה שליט"א פירט אויס דעם בריוו: "וואויל איז דעם וואס פאלגט די תורה, פאלגט וואס די צדיקים זאגן, און גייט נישט נאך דעם אייגענעם שכל."

***צדיקים ילכו בם***

# בנין
# היכל הקודש ברסלב
# באומאן

8 Bilotserkivs'ka, Uman, Cherkasy Oblast, Ukraine, 20300

# אומאן ראש השנה תשפ"ז

## צייטליכע דערמאנונג

מיר ווילן דערמאנען פאר די חשובע אנ"ש וואס ווילן
האלטן זייער חזקה אויף א בעט אינעם ראש ישיבה'ס בנין
אין אומאן ר"ה תשפ"ז הבעל"ט אז צוליב די גרויסע
נאכפראגע פון פרישע בעטן וועלן מיר דארפן זיין זייער
פונקטליך מיט די דעדליין,

**אלע וואס ווילן האלט די חזקה**
**דארפן די בעטן זיין באצאלט**
**פאר ראש חודש סיון**

די אלע וואס ברענגען נאך א קינד און ווילן דינגען נאך א
בעט זאלן אריינרופן

ר' מרדכי ראזנבערגער הי"ו

**845-825-3550**

# קוקן אויף זיך

**בעזרת השם יתברך - יום ב' פרשת בהעלותך, י"ד סיון, שנת תשע"ו לפ"ק**

לכבוד ... נרו יאיר

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן מיט אונז וואס דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נ"א): דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, דו וועלט נארט אייך, איר זאלט זיך נישט לאזן נארן; אז מיר זאלן נישט זיין פארנומען מיט א צווייטן און מיר זאלן נישט פרובירן צו פארעכטן א צווייטן, מיר זאלן נאר זיין פארנומען מיט זיך אליינס, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב, סי' ס"ז) **והעיקר להסתכל על עצמו**, און מוהרא"ש פלעגט שטענדיג רעדן פונעם יום המיתה, אז מיר זאלן וויסן אין געדענקען אז איין טאג וועלן מיר מוזן פארלאזן די וועלט, און אז מיר זאלן געדענקען אז קיינער בלייבט נישט דא.

וואס זאל איך דיר זאגן, יעדעס מאל ווען איך לערן די צוואה פון מוהרא"ש און איך קום אן צו די ווערטער וואס מוהרא"ש שרייבט: **מיינע טייערע קינדער און תלמידים, איר זאלט קיינמאל נישט קוקן אויף א צווייטן, נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט, די וועלט איז נישט אייערס, און דעריבער דארפט איר זיך נישט זארגן פאר א וועלט וואס געהערט נישט צו אייך.**

איר דארפט אייך קיינמאל נישט מבלבל זיין פון אנדערע



א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה בהעלותך תשע"ו**

מענטשן, נישט קוקן אויף קיין אנדערע מענטש; ווער איך מורא'דיג נתעורר לתשובה ווען איך זעה צו וואס א מענטש קען זוכה זיין צוצוקומען אויף דער וועלט, צו האבן אזא קלארן שכל, און אזא אמת'ע ישוב הדעת.

ברוך השם אונזער ישיבה שטייט שוין אכט יאר, און דאס לייג איך אריין אין מיינע תלמידים, אז מ'זאל זיין פארנומען נאר מיט זיך אליינס, און במשך די אלע יארן וואס איך האב זוכה געווען צו זיין ביי מוהרא"ש, האב איך געזעהן אז **די אלע וואס זענען געווען פארנומען צו מאכן סדר אין היכל הקודש, קער נעמען פון היכל הקודש און אכטונג געבן אויף די אויסקוק (אימעדזש) פון היכל הקודש, די אלע זענען שוין לאנג נישט אין היכל הקודש**, און נעבער נעבער ווי אזוי זיי קוקן אויס. און די אלע וואס זענען געווען פארנומען נאר מיט זיך, און יעדע שיעור וואס מוהרא"ש האט געגעבן האבן זיי אויסגעהערט אזוי ווי מוהרא"ש רעדט צו זיי אליין, און יעדע תורה און שיחה פון רבי'ן, און יעדע בריוו פון אשר בנחל, האבן זיי נאר געזוכט ווי אזוי זיי קענען זיך טרעפן דערינען, די זענען אויסגעוואקסן גרויסע ערליכע אידן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן ח"א, סי' קכ"א) אויפן פסוק (תהלים מ) **אז אמרתי הנה באתי במגילת ספר כתוב עלי, לעשות רצונך אלקי חפצתי**, זאגט דער הייליגער רבי אזוי: ווען א מענטש לערנט א ספר פון א צדיק, און ער לערנט דאס אויף "כתוב עלי" אז דאס וואס שטייט אין דעם ספר מיינט אים, איז א סימן, אז "**לעשות רצונך אלקי חפצתי**", אז דער מענטש וויל זיין אן ערליכער איד.

עס איז באוואוסט וואס דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט: "אין די יונגע יארן האב איך געוואלט פארעכטן די גאנצע וועלט, און איך האב געזען אז איך קען נישט, ווען איך בין עלטער געווארן האב איך געוואלט פארעכטן מיין שטאט, און איך האב געזען אז איך קען נישט, ווען איך בין נאך מער עלטער געווארן האב איך געוואלט פארעכטן מיין משפחה, און ווען איך האב געזען אז עס איז נישט מעגליך האב איך אפגעמאכט אז איך וועל מיך פרובירן צו פארעכטן"; מוהרא"ש פלעגט אסאך חזר'ן די מעשה מיט אונז, כדי אריין צו ברענגען און אונז אז מיר זאלן לעבן מיט זיך, און נישט זיין פארנומען מיט א צווייטן.

איך האף אז דו פארשטייסט גוט וואס איך שרייב דיר; דו זאלסט זיך נישט לאזן פארדרייען דעם קאפ פון קיינעם, אפילו די וואס קומען אין מיין נאמען, און אויב דו ווילסט מיר העלפן אז איך זאל האבן א שיינע קהילה, זאלסטו מאכן א חבורה פון אינגעלייט וואס מען קומט זיך צאם צו העלפן אינגעלייט אז זיי זאלן האבן אויף שבת צו מאכן, און אויף דירה געלט.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, מ'זאל דיר נישט קענען פארדרייען א קאפ; און זאלסט שטענדיג האבן פאר דיינע אויגן אז אט אט גייט מען מיר שוין פרעגן: '**ערוך מקרא שקרית, וערוך משנה ששנית**'.

**א גוטן טאג.**

# א ווארט צוויי

שיקט אריין אייער ווארט צווי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

## ווי קום איך צו די תורה

"מה עניין שמיטה אצל הר סיני" - קען מען אריינטייטשן דעם רש"י אז דער 'שמיטה איד', דער איד וואס איז פארנומען על המחי' ועל הכלכלה, אריינגעטון אין די ארבעט מיט זיין גאנצע וועזן, וואונדערט זיך און פרעגט: "וואספארא שייכות האב איך מיט די תורה, מיטן הר סיני? איך בין דאך א פארשוויצטער פעלד ארבעטער, מיט די גראבע שטיוול, ווי קום איך צו די תורה?" אבער מיט די עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז קען יעדער איד מקטן ועד גדול האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה און מיט עבודת השם."

**א הערליך פשט וואס איז געהערט געווארן פון ר' יואל שניצלער ביי שלש סעודות אין בית מדרש עצתו אמונה אין קרית ברסלב**

## השגות פון א אינגל

"דער סגן מנהל ר' אברהם אלי' האט אנגעטראפן א קינד וואס דער מלמד האט אים געזאגט אז ער קען ארויסגיין פון קלאס זיך איטלופטערן אביסל (נאכדעם וואס דער קינד האט נישט מיטגעהאלטן אין קלאס) און ווי דער ראש ישיבה לערנט אויס אז ווען איינער איז דער שטרענגער דארף דער צווייטער זיין די ווייכער, האט דער סגן מנהל געכאפט א ווארעמע שמועס מיטן קינד, אזוי שמועסנדיג פארציילט דער קינד פארן סגן מנהל אז ער האט נישט געדולד צו לערנען אין חדר, ער וויל שוין זיין א טאטע, האבן א ביזנעס און אויך לערנען זיינע שיעורים פארשטייט זיך. ווען דער סגן מנהל האט אים געפרעגט וואס ער פלאנט צו טון מיט די געלט, "איך וויל אפקויפן אלע בילבאדס" ענטפערט ער, "און די עירפארטס והגלילות אויפן וועג צו אומאן, און לייגן דארט נאר כשר'ע עדס, ווי למשל אן עד פאר לעמאנעיד גראסערי, כדי מ'זאל נישט נכשל ווערן מיט א שלעכטע קוק אויפן וועג צום רבי'ן..."

**דערציילט געווארן דורכ'ן מנהל אויפן "וואס טוט זיך אין חדר" שמועס אויף קול ברסלב**

## ר' שמעון לכל

נאדיר אביסל אויל פארן הדלקה לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי...

**פון ר' נפתלי זאבעל'ס געניטע לענז**



## חביבים ישראל

כתה ח' קרית ברסלב גרינדעט אן איינגענע "חביבים" ארגאניזאציע פאר געשטראנדעטע בייקס אין קעמפ, אין שאטן פון מאכטפולע ארבעט וואס "חביבים" האט אהערגעשטעלט ביים מאסיוון הדלקה אין קרית ברסלב פארלאפענעם ל"ג בעומר



זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

## אנעקדאטן ארויסגענומען פון די שיעורים און שמועסן שבת קודש בהר בחוקותי אין קרית ברסלב

"א אינגערמאן האט געזאגט פארן ראש ישיבה שליט"א אז עס מאכט זיך געוויסע טעג וואס ער האט נישט קיין צייט צו גיין אין מקוה פארן דאווענען, גייט ער אינמיטן טאג אין מקוה. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "אז דו וועסט גיין אין מקוה וועסטו זען אז דו האסט אסאך צייט, מקוה געבט גדלות המוחין."

**– אין א שמועס פרייטאג צונאכטס**

•

רעדנדיג פון די שעדליכקייט פון א סמארטפאון, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר א אינגערמאן וואס ארבעט פאר איינעם פון אנשי שלומינו: "דיין בעל הבית וועט דיר נישט ארויסווארפן פון די ארבעט אויב דו וועסט נישט האבן דיין פאון נאך פינף אזייגער, אויב יא שיק אים צו מיר."

**– אין א שמועס פרייטאג צונאכטס**

•

"איך פלאן וייטער צו מאכן שידוכים, אבער איך האב געזאגט פאר די עלטערן קלאס אין בית פיגא אז ווען מען זיצט ביים בעשאו זאלן זיי קלאר אויסשמועסן מיטן בחור און פרעגן וועלכע סארט לעבן ער וויל האבן, צו ער וויל א פשוט'ע תמימות'דיגע ערליכע לעבן אדער א לעבן מיט א פאון, כדי נישט זיך צו דארפן טרעפן מיט סופרייזעס שפעטער."

**– שיעור סיפורי מעשיות**

•

"אז דו זעסט א קינד זאגט אזוי געשמאק תהילים אין שול, געב אים א גוט ווארט, קענסט נישט וויסן אויב די גוט ווארט וועט אים טראגן זיין גאנץ לעבן!"

**– שלש סעודות**

•

## והנה נער בוכה

"די איינציגע סיבה וואס לייגט זיך אויפן שכל פארוואס די בעבי'ס ווייגט אינמיטן די נאכט איז צו דערמאנען די עלטערן אז אפילו אינמיטן שלאף דארף מען דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מען האט קינדער, אויסערדעם זע איך נישט קיין סיבה פאר זיי צו וויינען..."

**ר' דוד פוקס**

## סיסטעם

"זיך טרעפענדיג מיט אן אלטן יוגנט פריינט פון מיין פריערדיגע וואוינארט, און געדענקענדיג אז עס פלעגט ביי אים אלץ באדערן 'די סיסטעם', און נאר דאס איז געווען די טאפיק אויפן טיש ביים קופקע, איז מיר געווען א גרויסע וואונדער ווען איך האב אים געטראפן פאריגע וואך און נאכן דורכגיין אזויפיל יאר זאל איך נאך הערן פון אים אקוראט די זעלבע ווערטער פון דעמאלט, ער איז נאך פארנומען מיט די זעלבע אויסגעדראשענע נושא. האב איך נאכאמאל געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך בין אנגעקומען אין היכל הקודש ווי די טאפיק אויפן טיש איז תכלית, חומש, 18 פרקים משניות, גמרא, אמונות צדיקים."

**ר' אברהם הערש וועבערמאן**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט:

### א רבי וואס האט פארלאנגט

"האדמו"ר מ'וויזניץ מאנסי ז"ל איז געווען א חידוש פון א רבי וואס האט פארלאנגט פון זיינע חסידים, יעדעס מאל מ'איז אריין צום רבי'ן האט דער רבי פארלאנגט א שעות צעטל וויפיל מ'האט געלערנט."

**דער ראש ישיבה שליט"א ביים סעודת שבת ביי זיין איידעם ר' נתנאל, אין די רחוב ירושלים אומגעגנט**

# רבי שמעון רופט



"אשרינו מה טוב חלקינו בהילולא הילולא דבר יוחאי" האט נארוואס אפגעהילכט דעם פארלאפענעם ל"ג בעומר אין יעדעס ווינקל וואו עס וואוינען ערליכע אידן וואס ווילן זיך מקשר זיין צום הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי.

פארשטייט זיך אז די גרויסע "חתונה" פון רבי שמעון, די הילולא קדישא, קומט פאר אין מירון ביי רבי שמעון, וואו די רשעים פארשווערן יעדעס יאר פאר די ערליכע אידן וואס ווילן קומען פראווען ל"ג בעומר אין מירון, אויסצו'פועל'ן ישועות און זיך מקשר זיין צו רבי שמעון.

דאך, מיט אלע שוועריקייטן, האבן שווערע טויזנטער אידן זיך ארויסגעלאזט מיט מסירת נפש קיין מירון און פרובירט כל מיני מיטלען אנצוקומען צום הילולא דבר יוחאי.

אויך אין חוץ לארץ ווערט ל"ג בעומר געפראוועט ביי אלע ערליכע אידן, און דאס יאר האבן די חסידי ברסלב וואס וואוינען אין קרית ברסלב זוכה געווען מיטצוהאלטן א געהויבענעם ל"ג בעומר בראשות דעם ראש ישיבה שליט"א.

לאמיר כאפן א שמועס מיט עטליכע פון אנשי שלומינו פון ארץ ישראל וואס האבן געמאכט דעם שווערן וועג קיין מירון מיט מסירת נפש, צו הערן פון זיי וועגן זייער נסיעה קיין מירון היי-יאר תשפ"ו. אזוי אויך וועלן מיר כאפן א שמועס מיט איינעם פון די אינגעלייט וואס האבן זוכה געווען צו שפילן מוזיק אינעם חצר פון רבי שמעון.

צום סוף וועלן מיר כאפן א שמועס מיט איינע פון די מוזיקאנטן וואס האבן משמח געווען ביי די גרויסע הדלקה אין קרית ברסלב.

ישראל דוד העסקל



צום ערשט פארבינדן מיר זיך מיטן מגיד שיעור פון ישיבת היכל הקודש אין ירושלים עיר הקודש מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א, הערן פון אים וויאזוי זיין נסיעה איז געווען היי יאר.

*שלום עליכם ר' משה שמואל. אזוי ווי מיר הערן, האט איר זוכה געווען צו זיין ל"ג בעומר ביי רבי שמעון אין מירון, אויב איר קענט פארציילן אייער נסיעה און אלע מניעות וואס איז געווען אינדערמיט ביז מ'איז אנגעקומען צו רבי שמעון.*

יא, ברוך השם, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב זוכה געווען צו זיין אין מירון ביי רבי שמעון. דער ראש ישיבה האט טאקע געשריבן אז ער גייט נישט פארן דאס יאר, אבער פאר מיר האט דער ראש ישיבה געשריבן אז איך זאל יא פארן; דעריבער האב איך זיך ארויסגעלאזט קיין מירון מאנטאג צופרי.

איך האב זיך ארויסגעלאזט 3:00 נאכמיטאג פון ירושלים און גענומען א באס קיין טבריה. איך בין אנגעקומען קיין טבריה אום 6:00, און פון דארט - ממש פינף מינוט שפעטער - האב איך געכאפט א באס קיין צפת.

איך בין אנגעקומען קיין צפת בערך 7:00; דארט אין צפת בין איך אריין אין שול דאווענען מעריב, איך האב זיך געזעצט לערנען אביסל און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען אנקומען קיין מירון.

אפאר מינוט שפעטער האט מיר איינער געקלונגען אז ס'דא איינער וואס וועט מיר קענען טראגן דורך די וואלד פאר בערך הונדערט-צוויי הונדערט דאלאר. ס'איז טאקע אסאך געלט, אבער איך האב מיטגענומען נאך עטליכע אינגעלייט און אזוי האבן מיר זיך צוטיילט מיט די הוצאות.

דער מענטש וואס איז געווען פון די דרוזישע געמיינדע האט אונז טאקע געטראגן דורך די וואלד נישט דורך אן אויסגעטרעטענעם וועג נאר ממש דורכן וואלד, און ער האט אונז טאקע צוגעפירט ביז מירון ממש אינדרויסן, דארט וואו די גאז סטאנציע געפינט זיך.

דארט איז טאקע אלעס געווען פארשפארט דורך די פאליציי וואס זענען געשטאנען ארום און קיינעם נישט אריינגעלאזט. איך בין צוגעגאנגען צו איינעם און אים אנגעהויבן בעטן ער זאל מיר אריינלאזן, אבער ער האט מיר בשום אופן נישט געוואלט אריינלאזן. בין איך געגאנגען צום נעקסטן און ער האט מיר אויך נישט אריינגעלאזט, ביז איך האב געטראפן איין אפיציר וואס איך האב נושא חן געווען אין זיינע אויגן; איך האב אים געזאגט אז איך וויל נאר אריינגיין ממש פאר עטליכע מינוט עפעס צו ערלעדיגן און דערנאך גיי איך גראד ארויס, און שכח אייבערשטער אז ער האט מיך טאקע אריינגעלאזט.

איך בין אנגעקומען קיין מירון בערך 11:00. קודם בין איך געגאנגען צו די הדלקה אין קארלסבורג, און שפעטער בין איך געגאנגען טאנצן אין חצר.

אויפן וועג דורכן וואלד זענען זייער אסאך מענטשן געגאנגען צופיס, א וועג פון בערך פיר שעה. טויזנטער מענטשן האבן געמאכט דעם שווערן וועג, טראץ וואס ס'איז דאן געווען א שווערע גאס-רעגן און דער גאנצער וואלד איז געווען איין שטיק מאראסט. אסאך מענטשן האבן אדורכגעמאכט דעם שווערן וועג, אבער אנקומענדיג קיין מירון האט מען זיי גראד צוריקגעשיקט, און זיי האבן זיך ווידער ארויסגעלאזט אויף דעם זעלבן שווערן וועג צוריק.

איך בין ב"ה אנגעקומען אויף א גאר גרינגן אופן; דער וועג דורכן וואלד האט אונז סך הכל גענומען בערך צען מינוט, בעת וואס רוב מענטשן האבן אדורכגעמאכט א פיל שווערערן וועג.

*אין מירון אליין האבן זיי פארשיקט אלע וואס זענען אריינגעקומען?*

שכח אייבערשטער אז איינמאל מיר זענען אנגעקומען קיין מירון, האבן די רשעים שוין גארנישט געטון און מען האט זיך געקענט פרייען מיט רבי שמעון.

אבער אינדרויסן האב איך געזען, אז ווי ס'האבן זיך אנגעזאמלט אסאך מענטשן, האט מען גענומען דעם גאנצן עולם און זיי ארויפגעלייגט אויף באסעס וואס פארן צו אנדערע געגנטער ווי צפת און כרמיאל.

אין מירון אליין זענען געווען טויזנטער טויזנטער מענטשן; ס'האט אויסגעקוקט פונקט ווי יעדעס יאר. אין די מערה איז געווען א גרויסע התעוררות, און אינדרויסן איז געווען א גרויסע שמחה!

יעדער מענטש וואס איך האב דארט געטראפן האט מיר געזאגט דאס זעלבע: "איך בין אנגעקומען נאר דורך תפילה!"

*וואס קענט איר זאגן איבער די געוואלדיגע הרגשה וואס מען שפירט אין מירון ל"ג בעומר?*

יעדער איינער וואס איז אין מירון זאגט דאס זעלבע: די הרגשה וואס מ'שפירט אין מירון ביי רבי שמעון איז עפעס וואס מ'קען נישט מסביר זיין! אבער ווער ס'איז מקורב צו היכל הקודש און לעבט מיט די עצות פון רבי'ן, קען עפעס טון מיט די אלע הרגשים: מ'בעט דעם אייבערשטן, מ'שמועסט זיך אויס מיטן אייבערשטן בשעת'ן טאנצן, מ'לערנט דעם הייליגן זוהר און מ'איז זיך מקשר צום צדיק.

*א גרויסן יישר כח ר' משה שמואל פארן איבערגעבן פאר די חשוב'ע ליינער די הרגשים פון זיין ביי רבי שמעון ל"ג בעומר.*

> **ווער ס'איז מקורב צו היכל הקודש און לעבט מיט די עצות פון רבי'ן, קען עפעס טון מיט די אלע הרגשים: מ'בעט דעם אייבערשטן, מ'שמועסט זיך אויס מיטן אייבערשטן בשעת'ן טאנצן.**



*יעצט לאמיר הערן פון א חשובער אינגערמאן פון אנשי שלומינו אין בית שמש מו"ה שמעון עוכר פערל הי"ו, וויבאלד זיין נסיעה איז געווען אנצוקומען צו רבי שמעון.*

פאר ל"ג בעומר האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען אנקומען היי יאר צו רבי שמעון אין מירון.

איך בין ארויסגעפארן זונטאג נאכט, עס איז שוין דעמאלט געווען פארמאכט אלע וועגן קיין מירון, מ'האט געשמועסט אז דורך די וועג וואס רופט זיך "קדיתא" דארט ווי רבי טרפון ליגט, אז דארט איז נאך יא אפען. האבן מיר זיך טאקע ארויסגעלאזט צו יענעם ראוד.

אנקומענדיג נענטער קיין מירון האבן מיר טאקע געזען אז אלעס איז פארמאכט, איך האב געפארקט דעם אויטא ערגעץ אין א זייט, און זיך אזוי געדרייט נעבן מירון בעטענדיג דעם אייבערשטן מ'זאל טרעפן עפעס א וועג אריין.

אזוי שטייענדיג דארט רופט זיך איינער אן צו מיר אז הארט נעבן מירון, דארט ווי עס געפונט זיך די גראסערי איז דא עפעס א לאך אינעם צוים, אפשר קען מען פון דארט פרובירן אריינגיין. זענען מיר טאקע שנעל אהינגעלאפן, און ברוך השם מיר האבן באוויזן אריינצוגיין דורך יענעם וועג, נאך פאר די פאליציי איז עס געקומען פארמאכן.

און אזוי ברוך השם זענען מיר געווען אין מירון ל"ג בעומר און זיכער גע'פויעל'ט אלעס גוטס פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

*א גרויסן יישר כח ר' שמעון עוכר פארן פארציילן פאר די חשובע'ס לייענער אייער נסיעה קיין מירון היי יאר ל"ג בעומר תשפ"ו, ווי מ'האט זיכער געפועל'ט אלעס גוטס בני חיי ומזוני רויחי.*

*איינע פון די יארן האבן מיר געהאט א הערליכע באשרייבונג פון מו"ה ברוך נויסבוים הי"ו מחשובי אנשי שלומינו אין בני ברק, וואס האט פארציילט זיין שווערע נסיעה ל"ג בעומר קיין מירון, איז לאמיר זיך פארבינדן מיט ר' ברוך, הערן וויאזוי היי יאר איז געווען די נסיעה צו רבי שמעון.*

אזוי ווי רבבות אלפי ישראל, האב איך זיך אויך געגרייט צום הייליגן יום טוב ל"ג בעומר, צו פארן צו די גרויסע חתונה אין מירון.

גלייך נאך פורים הייבט מען שוין אן בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאלן זוכה זיין אנצוקומען קיין מירון אויף ל"ג בעומר. בפרט אין די לעצטיגע יארן ווען מיר זענען שוין ליידער גוט באקאנט מיט די אלע מניעות וואס מאכן זיך, וואס עס זענען דא צוויי זאכן וואס האבן א גאר שטארקע שייכות איינס צום צווייטן: דעם הייליגן רבינ'ס ראש השנה און די גרויסע הילולא פון רבי שמעון אין מירון. כאטש וואס פארן קיין מירון איז נישט קיין חיוב אזוי ווי ראש השנה אין אומאן, דאך ברענגט די שטארקע תשוקה מיט דעם ברען צו פארן קיין מירון, אינאיינעם מיט דעם קשר עליון וואס אידן פילן צו רבי שמעון, אז הונדערטער טויזנטער אידן זאלן זיך ארויסלאזן אויפן וועג קיין מירון ביומא דהילולא דיליה.

למעשה, צוליב דעם מלחמה צושטאנד אין ארץ ישראל אין די לעצטע פאר יאר, האבן מיר אלע פארשטאנען אז דאס יאר גייט די הייליגע נסיעה קיין מירון ווידער נישט אדורכגיין אזוי גרינג. די תפילות זענען ארויף א שטאפל, וויסנדיג אז נאר די תפילות פון אידישע קינדער קענען העלפן אז מען זאל קענען פראווען ל"ג בעומר אין מירון.

אזוי ווי מיר האלטן שוין עטליכע קארגע טעג פאר ל"ג בעומר, ווערט שוין פארשפרייט די מעלדונג אז די רעגירונג, מיט אלע אירע שמות וכינויים, האבן לכתחילה באשלאסן צו פארקלענערן די הילולא. נאך עטליכע טעג האבן זיי שוין מחליט געווען אויף אן אפמאך אז די שערי מירון וועלן ווערן גענצליך פארשלאסן, פארשטייט זיך אלעס מיט'ן תירוץ אז זיי האבן אונז זייער ליב און ווילן שטארק אכטונג געבן אויף אונזער געזונט וכו' וכו', ואכמ"ל.

פארשטייט זיך אבער אז אידישע קינדער, יראים ושלמים, זענען קיין שוטים נישט, און אזוי ווי "רבי שמעון לכל" - בפרט ביומא דהילולא דיליה - האבן טויזנטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן מחליט געווען אז זיי ווילן דארט זיין. רבי שמעון שיקט די הזמנות, און אלע קומען צו גיין.

אזוי ווי ס'האט זיך דערנענטערט דער גרויסער טאג, האט יעדער פרובירט אויסצופלאנירן זיין וועג וויאזוי ער גייט מאכן די הייליגע נסיעה קיין מירון, אלה ברכב ואלה... יעדער אויף זיין שטייגער. איך האב אויך פרובירט מברר צו זיין דעם וועג, און אוודאי אראפגעלייגט עטליכע הייסע תפילות זוכה צו זיין אנצוקומען צום תנא אלוקי ר' שמעון. א טאג פאר ל"ג בעומר האט מיר א גאר חשוב'ער איד געגרופן אז איך קען מיטפארן מיט אים, ב"ה אויף א געשמאקע און באקוועמע נסיעה.

דעם נעקסטן אינדערפרי זענען מיר ארויסגעפארן אויפן וועג קיין צפון, פרובירנדיג אלע סארט וועגן אנצוקומען קיין מירון. כאטש דער חשוב'ער איד האט יא פרובירט צו באקומען א לעגאלע וועג אריינצופארן בדרך המלך, האבן אבער די ציונים וחיילותיהם באשלאסן דאס יאר כמעט פאר קיינעם נישט צו געבן קיין אפיציעלע ערלויבעניש, נישט קיין חילוק צי מ'רעדט פון רבנים וכדומה.

האבן מיר פרובירט אליין צו געפינען א וועג; מיר האבן פרובירט אריינצופארן דורך דעם בירייה וואלד, אבער למעשה איז די פאליציי דארט געשטאנען מיט א שטארקע בלאקאדע און ס'איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. האבן מיר פרובירט זיך אריינצוכאפן דורך צפת. דער נארמאלער וועג איז געווען פארשלאסן, זענען מיר אריינגעפארן דורך ראש פינה קיין צפת, מיטן ציל צו פארן דורך אונטן פונעם אלטן בית החיים, וואו ס'איז געווען א שמועה אז מ'קען אריינפארן דורכן וואלד. ס'איז כדאי צו באמערקן, אז ס'איז געווען א חידוש פון א טאג, אז אינמיטן חודש אייר זאל גיין אזא רעגן, בפרט אין צפון און אויף אלע וועגן. טיף אין די וועלדער איז אלעס געווען איין שטיק הויכע בלאטע, וואס האט געמאכט די גאנצע נסיעה פיל שווערער.

מיר האבן געפרובירט דארט דורכצופארן, אבער מיר האבן געהערט אז ביים עק וועג ווארטן די פאליציי, האבן מיר זיך געמוזט צוריקדרייען. מיר האבן געפרובירט דורך עין זיתים אבער עס איז געווען אפגעשפארט, און דאס זעלבע איז געווען ביי גוש חלב.

למעשה זענען מיר שוין געווען אויפן וועג פאר כמעט זעקס שעה, און ארום פינף אזייגער נאכמיטאג זאגט מיר דער חשוב'ער איד אז ער זעט נישט קיין שום וועג וויאזוי אריינצופארן מיט א קאר, און צו פוס איז אים צו שווער צו גיין; ער האלט אז ער וועט שוין פועל'ן פונדערוויטנס און ער גייט זיך צוריקדרייען קיין בני ברק.

מיר איז ממש שלעכט געווארן; איך האב דאך אזוי שטארק געוואלט אנקומען צו רבי שמעון אן קיין שום תירוצים, אבער איך האב זיך נישט געקענט טענה'ן מיט אים. האב איך אים געבעטן אז איך וויל אראפגיין, און איך בין טאקע אראפ אינמיטן וועג צווישן עין זיתים און גוש חלב, מיט'ן פלאן עפעס אנצוקומען קיין גוש חלב און פון דארט שוין זען וויאזוי אנצוקומען קיין מירון.

למעשה בין איך געשטאנען אינמיטן דעם ראוד בשעת עס האט געגאסן א שטארקע רעגן. איך האב נישט געהאט צופיל וואס צו טון, נאר אנהייבן צו גיין צופיס און שרייען צום אייבערשטן. איך הייב אן צו גיין און בעטן דעם אייבערשטן, און עס גייט נישט דורך קיין פינף מינוט זינט איך האב

פארלאזט די פריערדיגע קאר, און א קאר שטעלט זיך פלוצלינג אפ נעבן מיר. איך הער ווי מען רופט מיר, איך קוק אריין און איך זע דעם באקאנטן מפיק ר' יהושע העשיל דובדבני נ"י, די קאר איז געווען געפאקט, אבער זיי האבן זיך אביסל איינגעשטופט כדי איך זאל אויך קענען אריינגיין.

איך האב זיך ממש געפרייט צו זען היימישע פנימ'ער אינמיטן וועג, בפרט ווען אין קאר האט געשפילט איינע פון די סידים מיט אידישע ניגונים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס דאס אליין האט מיר שוין בארואיגט.

למעשה האבן מיר פרובירט ארייצופארן דורך גוש חלב; צום וואונדער זענען די פאליציי וואס זענען פריער דארט געשטאנען, יעצט נעלם געווארן, האבן מיר שוין געקענט אריבערגיין גרינגערהייט. מיר האבן אלע אינאיינעם געהאלטן אין איין בעטן דעם צום אייבערשטן מיר זאלן מצליח זיין אנצוקומען, מיר זענען אריינגעפארן אין א זייטיגן וועג - א שווערע וועג - אינאיינעם מיט נאך אסאך אידישע קארס.

די וועג איז אבער געווען פיל מיט בלאטע און הויכע וואסערן, און מיר זענען געווען מיט א נידריגע קאר. מיר אלע האבן געשריגן צום אייבערשטן, און שכח אייבערשטער מיר זענען אריבער דעם וועג וואס איז געווען באדעקט מיט שטיינער און בלאטע פון אלע זייטן, זעענדיג בחוש ווי דער אייבערשטער פירט אונז.

מיר זענען אנגעקומען ביז א געוויסן פלאץ וואו אלע קארס האבן געפארקט, און פון דארט איז געווען א וועג צו גיין צופוס. עס זענען דארט געשטאנען סאלדאטן, אבער זיי האבן גארנישט געזאגט. זענען מיר ארויס אינעם וועג צופוס, א מהלך פון בערך דרייסיג מינוט.

אינמיטן וועג זענען עטליכע מאל דורכגעפארן פאליציי קארס, אבער שכח אייבערשטער זיי זענען געפארן ווייטער און אונז נישט אפגעשטעלט.

**איך האב זיך אריינגעכאפט דורך עפעס א לאך, און נאך א לאנגע זיבן שעה זינטן פארלאזן מיין הויז, האב איך זוכה געווען צו שטיין אויף אדמת הקודש אין מירון. שכח אייבערשטער!**



צענדליגער אידן זענען געגאנגען אינאיינעם מיט אונז, ביז מיר זענען אנגעקומען צום שאסיי 89, אונטער זייער מתחם 89, און דארטן זענען מיר געווען גלוי לכל העמים, ס'איז נישט געווען וואו זיך אויסצובאהאלטן, און די פאליציי דרייען זיך ארום אן אויפהער, נאר תפילות און נאך תפילות זענען די וואס העלפן דא.

מיר ריקן זיך פאמעליך פאראויס, און צום גרויסן וואונדער האט אונז קיינער נישט אפגעשטעלט, אפילו ווען איך בין געשטאנען ממש נאנט צו זיי. שכח אייבערשטער!

איך זע שוין עיר הקודש מירון פאר די אויגן. אידן האבן מיר געווינקען שטילערהייט אז מ'דארף זיך אריינכאפן דורך א לאך אינעם גדר. אזוי האבן מיר טאקע געטון, איך האב זיך אריינגעכאפט דורך עפעס א לאך, און נאך א לאנגע זיבן שעה זינטן פארלאזן מיין הויז, האב איך זוכה געווען צו שטיין אויף אדמת הקודש אין מירון. שכח אייבערשטער!

איך האב געקענט אביסל זיך כאפן דאס הארץ אינעם קארלסבורגער הויף וואס איז געווען צוגעשטעלט ביד רחבה. שפעטער בין איך ארויף צום ציון מיט א געוואלדיגע התרגשות, געדאווענט מנחה מעריב, זיך מתבודד געווען און אויסגעבעטן אלעס גוטס פארן כלל און פארן פרט, געדאנקט און געלויבט דעם באשעפער, און געטאנצן מיט א מורא'דיגע שמחה ביי די גרויסע הילולא קדישא.

*זייער אינטערעסאנט די דאזיגע געשיכטע ביז אהער. למשל וויאזוי קענט איר אהיימגעפארן פון דארט?*

פרעגסטו גוט, אזוי אינמיטן זיין אין מירון מיט א געשמאק, כאפ איך זיך אז איך האב נישט קיין שום אנונג וויאזוי איך גיי צוריק אהיים. בין איך צוגעגאנגען צום תנא אלוקי און געבעטן אז איך זאל האבן א גרינגן וועג צוריק. נאך דריי שעה בין איך אראפ פונעם בארג און אנגעהויבן פרעגן ווער עס האט אפשר א פלאץ פאר מיר, אבער יעדער האט געזאגט אז אלעס איז פול געפאקט.

פלוצלינג זאגט מיר איינער פון אנ"ש אז אינטן ווארטן שאטלס וואס פארן צום באן. איך בין ארויס פונעם דארף און טאקע געזען דארט שאטלס 'בחנם אין כסף' צו פארן קיין כרמיאל צום באן.

איך בין ארויף אויפן שאטל, מיר האבן אנגעהויבן פארן, און פלוצלינג באמערק איך אז איך האב נישט דעם טיקעט פארן באן - ביי אונז רופט מען דאס א 'רב-קו' - און אן דעם, וויאזוי וועל איך קענען פארן? האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן. מיר זענען אנגעקומען קיין כרמיאל, איך גיי אראפ ביי די באן סטאנציע, און איך זע אז מ'האט געעפנט א טיר פאר יעדן איינעם, מ'דארף בכלל נישט צאלן פארן באן; אלעס איז בחינם. שכח אייבערשטער! איך בין געווען זייער פרייליך.

למעשה זענען מיר אנגעקומען קיין תל אביב איינס אזייגער ביינאכט, און בדרך כלל פארן די באסעס נאר ביז איין אזייגער. האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט דארפן באשטעלן קיין טייערע טעקסי, נאר האבן א באס. און אט, קוים צוויי מינוט שפעטער, קומט אן א באס וואס פארט ממש נאנט צו מיין שטוב. שכח אייבערשטער!

איך בין אנגעקומען אהיים קיין בני ברק לחיים ולשלום. שכח אייבערשטער פאר אלע חסדים, און זיכער האבן מיר אלעס גוטס געפויעלט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

- - -

*איינער פון אנשי שלומינו אין ירושלים מו"ה יעקב סאמעט הי"ו האט געהאט די זכיה צו זיין אין מירון און אויך זיין אויפן בימה אין חצר רבי שמעון און שפילן אפאר שעה.*

*לאמיר הערן פון אייך וויאזוי איר קענט אנגעקומען, און וויאזוי איר האט זוכה געווען צו שפילן דארט אינעם חצר.*

די מעשה וויאזוי איך בין אנגעקומען קיין מירון איז אזוי: אונזער משפחה האט געדינגען א דירה אין דעם דערנעבנדיגן יישוב וואס הייסט בר יוחאי.

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט מיט א טענדער, א גרויסע ווען וואס האט געהאט פלאץ פאר די גאנצע משפחה, און מיר זענען אזוי געפארן ביז ווילאנג די וועגן זענען נאך געווען אפן.

אין די ווייטע אומגעגנט פון מירון האט די פאליציי שוין אפגעשפארט די וועגן, און ביי יעדע אינטערסעקשאן האבן זיי אונטערזוכט יעדע קאר צו מאכן זיכער אז די קאר האט אן ערלויבעניש צו קענען ווייטער פארן.

אזוי ווי מיר האבן געדינגען א דירה אין דעם "בר יוחאי" געגענט, האבן מיר באמת געמעגט פארן ביז אהין, אבער ערגעץ אינמיטן וועג האט אן אפיציר מחליט געווען אז ער לאזט אונז נישט דורך ביז דער בעל הבית פון די דירה קומט אליין אראפ און באשטעטיגט אז מיר האבן טאקע געדינגען די דירה.

שכח אייבערשטער אז דער בעל הבית איז געווען א זייער וואוילער מענטש; ער איז ארויסגעקומען ביז אהין צו אונז צו ווייזן פאר די פאליציי אז מיר האבן טאקע געדינגען די דירה, און נאר דעמאלט האט אונז די פאליציי אדורכגעלאזט.

מאנטאג נאכט ל"ג בעומר האט אונז אונזער פעטער, וואס קען זיך גוט אויס דארט מיט אלע וועגן, געטראגן מיט

זיין דזשיפ. מיר זענען געפארן דורך די בערג ביז הארט פארן 89'סטן גאס, דארט האבן מיר פארקירט דעם קאר און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צופיס צו זוכן א וועג אריין קיין מירון.

וואו אימער מיר האבן נאר פרובירט צו גיין, איז אלעס געווען פארמאכט מיט גרויסע צוימען און א פאליצייאישע וואך. איך בין דארט געווען מיט מיין ווייב, מיין בעיבי, און מיין פעטער מיט זיינע קינדער.

אזוי דרייענדיג זיך דארט און פרובירנדיג צו טרעפן א וועג אריין, האבן מיר באמערקט פון די אנדערע זייט צוים א גרופע בחורים וואס זיי האבן אונז געווינקען אז מיר זאלן קומען צו א שטילן ווינקל וואו עס איז אויפגעבראכן דעם צוים. למעשה איז נאר מיין פעטער מיט א חלק פון זיינע קינדער אריין, און אינמיטן זיך אריינשמוגלען איז די פאליציי געקומען צו לויפן, און איך מיט מיין ווייב, מיין בעיבי, און עטליכע פון מיין פעטער'ס קינדער זענען געבליבן אינדרויסן ארויסגעשפארט.

מיין פעטער איז געגאנגען זיך בעטן ביי די פאליציי אז זיינע קינדער זענען דא אליין אויף די אנדערע זייט פונעם צוים און מען זאל זיי אריינלאזן... שכח אייבערשטער אז דער באאמטע האט רחמנות געהאט און אריינגעלאזט די קינדער. איך האב שוין מיטגעשיקט די קערידזש פון מיין בעיבי אויך אריין מיט זיי, כדי איך מיט מיין ווייב זאלן זיך קענען גרינגער אריינשמוגלען.

אזוי איז טאקע געווען; עטליכע מינוט דערויף האבן מיר ווידער געטראפן די גרופע בחורים וואס האבן געוויזן וואו עס געשניטן דעם צוים, און שכח אייבערשטער אז ביז אפאר מינוט זענען מיר שוין געווען אינעווייניג!!!

ווי נאר איך בין אנגעקומען קיין מירון, בין איך פארשטייט זיך גראד געלאפן צום מערה זיך גוט אויסצובעטן, און דערנאך בין איך ארויס טאנצן אינעם חצר.

**"וויבאלד אין ישיבה פלעג איך שפילן אויפן פיאנא, האב איך זיך דארט אויסגעלערנט די חכמה פון קענען שנעל טוישן א סקעיל (Scale) אויפן פיאנא, במילא האב איך דא געקענט פיין שפילן אין מירון.**



***פארציילט אונז וויאזוי איר זענט אנגעקומען צו קענען שפילן ביי רבי שמעון, ווי איך פארשטיי איז עס געווען די ערשטע מאל.***

נאכן טאנצן אביסל האט מיר זייער פארגלוסט צו קענען שפילן דארט מוזיק און משמח זיין דעם עולם. בין איך געגאנגען בעטן ביי דעם וואס איז ממונה דארט אויף די מוזיק אז איך וויל שפילן אויפן פיאנא, אבער ער האט מיר די גאנצע צייט געזאגט: "שפעטער, שפעטער..."

די מעשה איז, אז צו שפילן דארט אין מירון איז זייער שווער, ווייל די טענער האלטן זיך אין איין טוישן. נאכן געבן פאר עטליכע אנדערע שפילער צו שפילן, האט ער מיר ענדליך גערופן און מיך געלאזט שפילן.

וויבאלד אין ישיבה פלעג איך שפילן אויפן פיאנא, האב איך זיך דארט אויסגעלערנט די חכמה פון קענען שנעל טוישן א סקעיל (scale) אויפן פיאנא; דעריבער האב איך יעצט אין מירון טאקע געקענט פיין שפילן, און איך האב זוכה געווען צו שפילן א שעה צייט אינעם חצר פון רבי שמעון, שכח אייבערשטער!

דינסטאג ל"ג בעומר האבן מיר זיך ווידער ארויסגעלאזט מיט מיין פעטערס דזשיפ דורך די זייטיגע וועגן פון בר יוחאי קיין מירון. ס'איז געווען זייער שווער, אלע זייטיגע וועגן זענען געווען פארשפארט.

מיר האבן פרובירט פילע וועגן און מיר האבן זיך אריינגעשמוגלט אין פארמאכטע וועגן, אבער דארט אויך האט די פאליציי נישט געלאזט גיין ווייטער.

למעשה האבן מיר געטראפן א זייטיגע וועג, און וועון מיר האבן געזען א פאליציי קאר, האט מיין פעטער זיך פשוט גענומען פליען שנעל... און שכח אייבערשטער אז מיר זענען אנגעקומען צו די גאז סטאנציע הארט אינדרויסן פון מירון, און פון דארט זענען מיר נאכאמאל אריין דורך א לאך אין דעם צוים.

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען זיין אין מירון און משמח זיין דארט."

***א גרויסן יישר כח יענקי פאר דיין טייערע צייט, און פארן איבערגעבן דיינע געפילן פאר די לייענער פון "בלעטל".***

- - -

***יעצט וועלן מיר הערן די געשיכטע פון אונזער חבר אין בני ברק מו"ה ישראל דוד ברוקמאן הי"ו וואס האט אויך געקלעטערט אין די וועלדער אנצוקומען צו רבי שמעון.***

איך בעט שוין לאנג דעם אייבערשטן אז איך וויל קענען זיין אין מירון אויף ל"ג בעומר. ווי מיר לערנען כסדר פונעם ראש ישיבה שליט"א, אז יעדע זאך קומט נאר דורך תפילה.

אום ל"ג בעומר זענען מיר, אפאר חברים פון אנשי שלומינו דא אין בני ברק, ארויסגעפארן קיין מירון. ווי יעדער ווייסט האט די פאליציי אפגעשפארט די וועגן וואס פירן קיין מירון. א גאנצן וועג האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אונז העלפן טרעפן א וועג אנצוקומען צום אתרא קדישא מירון, צו רבי שמעון'ס חתונה.

מיר האבן פרובירט צו פארן דורך דעם ביריה וואלד, אבער אינמיטן וואלד האט אונז די פאליציי צוריקגעשיקט. מיר האבן פרובירט נאך א וועג דורך דעם וואלד, א זאמד-וועג וואס מיר האבן געפונען אויף די מאפע, וואו מיר האבן כמעט אריינגעגליטשט אין א תהום; השם ישמרנו, האבן מיר זיך בלית ברירה געמוזט אויסדרייען.

מיר האבן נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם אייבערשטן פאר א וועג אנצוקומען אזוי נאנט ווי מעגליך קיין מירון. ביז מיר האבן ברוך השם באוויזן צו דערגרייכן דעם דרום ארויסגאנג פון גוש חלב, וואס איז בערך 4 קילאמעטער ווייט פון מירון - א קורצע וועג וואס איז נישט צו שווער צו גיין צופוס.

מיר האבן געפונען א גוטן פארקינג פלאץ פאר די קאר און אנגעהויבן גיין צופוס. אינמיטן וועג זענען אנטקעגן געקומען מענטשן וואס זענען יעצט געקומען פון מירון און אונז געווארנט אז מיר זאלן זיך באהאלטן אינעם וואלד, ווייל די פאליציי כאפט די וואס גייען אויף רוט 89 און זיי פירן יעדן אפ קיין צפת.

שכח אייבערשטער! מיר זענען דורכגעגאנגען דעם וואלד, עטליכע הונדערט מענטשן האבן זיך דארט פארזאמלט פון איבערן גאנצן לאנד, ביז מיר זענען אנגעקומען צום הינטערשטן גדר פון אתרא קדישא מירון.

גוטע מענטשן זענען געשטאנען אין מירון און געהאלפן אדורכגיין די גדר, און פון דארט זענען מיר אריין צו אתרא קדישא.

די גרויסע שמחה וואס איז דארט געווען איז אוממעגליך צו באשרייבן. שכח אייבערשטער אז איך האב אויך דעם יאר געהאט די זכיה צו זיין ל"ג בעומר אין מירון.

- - -

***אלע וואס זענען געווען ביים גרויסן מעמד ההדלקה אין קרית ברסלב האבן זיך מחיה געווען מיט די געשמאקע מוזיק, און ספעציעל מיט די הארציגע קלארינעט וואס האט יעדן געעפנט דאס הארץ.***

***ווי אלע האבן געזען, איז אונזער חבר מו"ה***

***יודל ווערצבערגער הי"ו פון מאנסי געקומען משמח זיין מיט זיין קלארינעט. לאמיר טאקע הערן: וויאזוי איז געווען די הדלקה אין שטעטל?***



ווי נאר ס'איז באקאנט געווארן פאר אנשי שלומינו אז דער ראש ישיבה וועט טאקע פארבלייבן אין קרית ברסלב אויף ל"ג בעומר און פראווען א גרויסן סיום ספר הזוהר מיט א הדלקה, איז דאס געווארן א שמחה ביי אונז אלע; איך האב שוין קוים געקענט ווארטן אויף דעם.

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן די זכיה צו קענען משמח זיין און שפילן מיט מיין קלארינעט, אבער איך האב געטראכט צו זיך אז זיכער האבן שוין די גבאים באשטעלט א שפילער...

למעשה האב איך געקלינגען דעם גבאי און זיך אנגעטראגן צו קומען שפילן. צו מיין איבערראשונג האט מיר דער גבאי געזאגט: "אוודאי, אדרבה!"

קודם האט זיך דער מעמד אנגעהויבן מיט א גרויסע ברייטע סעודה לכבוד התנא אלוקי, וואו עס זענען פארגעקומען צענדליגער סיומים דורך אנשי שלומינו אויף ספר הזוהר און אויף תיקוני זוהר. דערנאך האב איך געשפילט ווארימע הארציגע תנועות בשעת'ן פארקויפן די זכותים.

דערנאך איז מען ארויס אינדרויסן אינעם חצר, וואו עס איז געווען אנגעגרייט די גרויסע הדלקה. קודם האט מען געשפילט אביסל ניגוני התעוררות, און דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעצינדן די הדלקה און אלע אנשי שלומינו האבן זיך גענומען טאנצן לעבעדיג ארום דעם פייער.



יעדער האט זיך געשפירט א חלק פון די הילולא; אלע האבן אזוי פרייליך געטאנצן, ס'איז געווען עפעס וואס מ'זעט נישט געווענליך. דער ראש ישיבה האט מיר געוויזן עטליכע מאל אז ער האט שטארק הנאה פון דעם שפילן אויפ'ן קלארינעט, און שפעטער איז דער ראש ישיבה אפילו געקומען זינגען. עס איז געווען א הערליכער מעמד.

שכח אייבערשטער אז איך האב טאקע געקענט משמח זיין אלע אנשי שלומינו און שפילן לכבוד התנא אלוקי, און זוכה זיין צו זען ווי דער עולם טאנצט פרייליך.

***א גרויסן יישר כח ר' יודל פארן איבערגעבן אביסל פון דעם גרויסן שיינעם מעמד אין קרית ברסלב, און אן עקסטערן יישר כח פארן שפילן קלארינעט און מהנה זיין אנשי שלומינו.***

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## העכער און העכער

אין שטאט מעזריטש האט געוואוינט א איד א צדיק וואס מען האט גערופן רבי איצעלע. ער איז געווען גאר א גרויסער ארימאן, ער פלעגט זיצן א גאנצן טאג אין בית המדרש און לערנען די הייליגע תורה מיט גרויס התמדה.

אין דעם זעלבן בית המדרש האט געדאווענט א איד, א גרויסער עושר. ווען ער איז עלטער געווארן, האט ער אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש און געטראכט צו זיך: "איך בין שוין עלטער, מיט וואס האב איך פארברענגט מיינע יארן? מיט שטותים און נארישקייטן! נישט געלערנט און נישט געדאווענט ווי עס דארף צו זיין. מיט וואס גיי איך זיך באווייזן אויף יענער וועלט? עס איז דאך בושות, מיט וואס גיי איך אהיים?" האט דער עושר אפגעמאכט: 'אז איך האב נישט געלערנט אלע יארן, לאמיר כאטש אויסהאלטן א איד וואס לערנט.'

ער האט באשלאסן אז יעדן טאג, בשעת רבי איצעלע דאווענט שמונה עשרה, וועט ער אריינלייגן שטילערהייט א גרויסע מטבע אין זיין טלית-בייטל. אזוי האט ער טאקע געטון. רבי איצעלע האט יעדן טאג נאכן דאווענען געטראפן א גרויסע מטבע. ער איז געווען זייער פארוואונדערט: ווער לייגט דאס אריין?



איז רבי איצעלע צוגעגאנגען צום שמש פון בית המדרש און אים דערציילט: "איך טרעף א מטבע יעדן טאג, דעריבער בעט איך דיר, בשעת איך דאווען גיב גוט א קוק ווער עס לייגט דארט אריין די מטבע." דער שמש האט געקוקט און באמערקט ווי דער גביר לייגט עס אריין. ער איז צוריקגעגאנגען צו רבי איצעלע און אים דערציילט אז דאס איז דער עושר וואס לייגט עס אריין.

רבי איצעלע איז צוגעגאנגען צום גביר און מיט חכמה געזאגט: "אפשר ווילסטו לערנען מיט מיר משניות?" דער גביר האט געענטפערט "אוודאי", און רבי איצעלע האט זיך געזעצט לערנען מיט אים משניות. ווי נאר מען האט געענדיגט משניות האט רבי איצעלע געלערנט מיט אים "עין יעקב", ער האט געענדיגט מיט אים דעם ספר עין יעקב, האט ער אנגעהויבן לערנען מיט אים זוהר הקדוש כסדרן. דערנאך האט דער גביר אנגעהויבן לערנען זוהר פאר זיך איבער און איבער, ביז ער האט זוכה געווען מסיים צו זיין דעם זוהר הקדוש גאר אסאך מאל.

דער עושר איז שוין געווארן גאר אלט, ער איז שטארק קראנק געווארן און געלעגן אין בעט. רבי איצעלע איז אים געגאנגען מבקר חולה זיין, און רבי איצעלע האט אים געבעטן: "מאך מיט מיר א תקיעת כף אז נאך דיין פטירה וועסטו זיך קומען באווייזן צו מיר."

אזוי איז טאקע געשען; דער עושר איז נפטר געווארן און ער האט זיך באוויזן צו רבי איצעלע, רבי איצעלע האט אים געפרעגט: "וואו געפינסטו זיך יעצט?" האט ער אים געענטפערט: "איך געפין זיך יעצט צווישן גרויסע צדיקים." אזוי האט זיך איבערגע'חזר'ט אפאר עטליכע מאל, און ער האט דערציילט אז ער גייט העכער און העכער, פון איין היכל צום צווייטן, ביז איינמאל איז ער געקומען און געזאגט: "רבי איצעלע איך גיי שוין ארויף גאר הויך און עס איז מיר שוין צו שווער אראפצוקומען, דעריבער בעט איך דיר, זיי מיר מוחל אויף דעם תקיעת כף," און רבי איצעלע האט אים מוחל געווען.

זעט מען ווי ווייט מען קומט אן אז מען לערנט יעדן טאג, און אפילו מען איז אן עלטערע איד קען מען נאך דאן אנהייבן און אנקומען גאר הויעך.

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך צדקה*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## ק"ס

## פארזעצונג פון פריער:

**ר' שִׁמְעוֹן, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז גֶעוֶוען פַארְוָואוגְלְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק אַן צוּם רֶבִּי'ן. עֶר הָאט אָנְהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרִיבֶּער דִי אַלֶע יָארְן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵוייְנְט. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען**

עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז ר' שִׁמְעוֹן נָאכְאַמָאל אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים צוּזָאגְן אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אָבֶּער אִיז שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְּן, עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פַארְוֵוייטָאגְט.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן דִי הַבְטָחָה, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעמָאלְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן דִי מַעֲשֶׂה וֶוען עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן טוֹיט, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן פוּנֶעם דֶערְפְל אוּסְיַאטִין צוּ מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אָדֶער פַארְקֶערְט, זֵיי זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעפָארְן אוֹיף זֵייעֶר אַ שִׁיפֶּע בַּארְג, אוּן ר' שִׁמְעוֹן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער וָואגְן וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת וַוייל דֶער וֶועג אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁטֵיינֶער אוּן גְרִיבֶּער, ר' שִׁמְעוֹן אִיז דֶעמָאלְט אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן וָואגְן אוּן אָנְגֶעהַאלְטְן דֶעם וָואגְן אוּן מִיט דֶעם גֶערַאטֶעוֶועט אַלֶע רֵייזְנְדֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אַוַודַאי הָאסְטוּ גוּט גֶעמַאכְט", עֶר הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט טַאקֶע זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן, אָבֶּער פַאר דֶעם אַלֵיין קוּמְט אִים נָאכְנִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה, אוּן ווִידֶער אִיז ר' שִׁמְעוֹן אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען מִיט וֵוייטָאג.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר ווִידֶערְאַמָאל גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס מָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי שׁוֹין גֶעפֶעדֶערְט אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז זַיין מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים נִישְׁט דִי הַבְטָחָה, "אוּן דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין מִיר צוּ בַּאדִינֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!"

ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט מְקַנֵּא גֶעוֶוען ר' שִׁמְעוֹנְ'ן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּ' צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

דֶער קֶבֶר פוּן ר' שִׁמְעוֹן אִיז אִין בֵּית הַחַיִּים אִין צְפַת, נָאנְט צוּם צִיוֹן הַקָּדוֹשׁ פוּן הֵיילִיגְן בֵּית יוֹסֵף, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעוואוֹינְט צוּ גֵיין צוּם צִיוֹן פוּן ר' שִׁמְעוֹן אִין צְפַת, אוּן אִים מַאכְן אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

סוֹף יֶענֶעם זוּמֶער אִיז דֶער מְחוּתָּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַרְיֵה לֵייבּוּשׁ פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי"ע, גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ זַיין זוּן אוּן זַיין שְׁנוּר מָרַת מִרְיָם, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען בְּשׁוּם אוֹפָן אַז זִי זָאל מִיטְפָארְן מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז זִי טַאקֶע נִישְׁט גֶעפָארְן, זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִיר טַאטֶע, אוּן אִיר שְׁוֶוער מִיט אִיר מַאן זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָן אִיר.

אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ו זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי עֶס אַיינְגֶעפִירְט יֶעדֶעס יָאר צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיטְל נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי תּוֹרוֹת (חֵלֶק א', סִימָן נ"ח אוּן סִימָן נ"ט). דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט, ט"ז) "אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה", דִי בֵּיידֶע תּוֹרוֹת אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אֵיינְמָאל, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן הָאט עֶר עֶס צֶעטֵיילְט אוֹיף צְוֵויי תּוֹרוֹת. אוּן וֶוען עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ עֶס צֶעטֵיילְט אוֹיף צְוֵויי", רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין דֶעם אַ טִיפֶע כַּוָּונָה, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות חג השבועות (חלק א')

**הקדמה:**

א] דער הייליגער יו"ט שבועות האט פיר נעמען, דריי וואס שטייען אין די תורה, און איין וואס איז פון די הייליגע חכמים וואס ס'שטייט אין משניות.

**חג השבועות:**[01] ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן ציילן זיבן וואכן און נאכדעם איז יו"ט. צוליב דעם, הייסט עס שבועות-וואכן[02]. ס'איז נישט ווי אלע אנדערע ימים טובים וואס האבן א פונקטליכע דאטום אינעם חודש ווען סקומט אויס יו"ט, נאר מ'ציילט 49 טעג פון פסח-וואס דאס איז 7 וואכן- און דעמאלט איז שבועות.

**חג הקציר:**[03] ווייל אין ארץ ישראל איז דעמאלט די צייט וואס מ'שניידט די ווייץ[04].

**יום הביכורים:**[05] בזמן שבית המקדש היה קיים האט די קרבן עומר וואס מען האט מקריב געווען פסח מתיר געווען צו עסן פון די נייע תבואה וואס האט געוואקסן פון פאריאר נאכן קרבן עומר ביז די יאר. אבער, א קרבן וואס מ'ברענגט פון ווייץ אדער פון גערשטן איז נאך נישט געווארן מותר צו ברענגען אין בית המקדש ביז מען

### הגהות

01) שמות ל"ד כ"ב: וחג שבועות תעשה לך.

02) כן יוצא מלשון המחב' בשלחנו הטהור, בסי' תצ"ד סעי' א', ביום חמישים לספירת העומר הוא חג השבועות - ולכאו' טמון כאן הענין הנ"ל דמש"ה נקרא שבועות משום דהוי אחר חמישים יום של ספירת העומר.

03) כ"ג ט"ז: וחג הקציר בכורי מעשיך.

04) רלב"ג על פסוק הנ"ל.

05) במדבר כ"ח כ"ו: וביום הבכורים בהקריבכם מנחה חדשה להוי"ה בשבועותיכם.

האט מקריב געווען די "שתי הלחם" אין יו"ט שבועות. פון נאכן מקריב זיין די "שתי הלחם" איז מותר געווארן מקריב צו זיין פון די נייע תבואה, צוליב דעם הייסט דער יו"ט ביכורים - דאס הייסט די ערשטע, ווייל ס'איז די ערשטע קרבן פון די נייע תבואה.

נאך א טעם פארוואס ס'הייסט יום הביכורים: שטייט אין הייליגן חתם סופר זצוק"ל[06] ווייל די אידן האבן זיך געאיילט צו זאגן נעשה פאר נשמע, און ביכורים איז א לשון פון זיך איילן[07].

בלשון חכמים: **עצרת**:[08] איז טייטש צוריק האלטן. דאס מיינט אז מען האלט זיך צוריק פון טון א מלאכה יו"ט. דער הייליגער קדושת לוי זי"ע איז עס מסביר אז יעדע יו"ט האט זיך א ספעציעלע מצוה וואס גייט נאר אן דעם יו"ט, ווי למשל פסח - עסן מצות, סוכות - זיצן אין א סוכה, שאקלען ד' מינים און אזוי ווייטער, אבער שבועות האט נישט קיין ספעציעלע מצוה, נאר דאס אז מען טוט נישט קיין ארבעט, צוליב דעם האבן די הייליגע חכמים א נאמען געגעבן די יו"ט עצרת - צוריק האלטן.

ביים דאווענען, זאגט מען **זמן מתן תורתנו**, ווייל חז"ל זאגן[09] אז שבועות איז די זמן וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר כלל ישראל[10].

ב] מוהרא"ש זי"ע פלעגט שטענדיג נאכזאגן די ירושלמי[11], און דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט עס אלץ מיט אונז: **ר' משרשיא בשם ר' אידי, בכל קרבנות כתיב חטא - שעיר עיזים אחד לחטאת - ובעצרת אין כתיב חטא - שעיר עיזים אחד** - די איינציגסטע יו"ט וואס שטייט נישט די ווארט חטא ביי די קרבן היום, **אמר להן הקב"ה מכיון שקיבלתם עליכם עול תורה, מעלה אני עליכם כאילו לא חטאתם מימיכם** - דער הייליגער באשעפער זאגט; אז ענק נעמען די תורה אויף זיך, רעכן איך עס כאילו ענק האבן קיינמאל נישט געזינדיגט. קומט דאך אויס אז ס'איז א מורא'דיגע טאג שבועות; מען איז מקבל די תורה פון פריש און מען איז זוכה צו כפרת עוונות.

ג] נאך אן אינטערעסאנטע זאך: שטייט אין די רמ"א[12] (הל' ערב פסח) **ונהגו שלא להקיז דם בשום ערב יום טוב, ואין לשנות**, די מנהג איז אז אויף קיין שום ערב יו"ט נעמט מען נישט קיין בלוט. [דער מג"א דארט (סקט"ו) איז מסביר;] ווייל די גמרא (מסכת שבת קכט:) זאגט אז ערב שבועות פאר אידן האבן מקבל געווען די תורה איז ארויסגעגאנגען א רוח וואס האט געהייסן טבוח, וואס אויב אידן וואלטן נישט מקבל געווען די תורה וואלט עס זיי גע'הרג'ט ר"ל.

וועגן דעם ביזן היינטיגן טאג איז א סכנה צו נעמען בלוט, און אזוי אויך מאכט מען נישט קיין אפעראציעס[13] ערב יו"ט, און אזוי אויך א בלא"ט טעס"ט מאכט מען נישט ערב יו"ט ווייל ס'איז א סכנה, חוץ אויב מען מוז מאכן יעצט א טעסט און אויב נישט איז עס חשש פיקוח נפש, דעמאלט מעג מען יא.

פון די גאנצע הלכה זעט מען אז קבלת התורה איז נישט נאר עפעס א זאך וואס איז געווען פאר אפאר טויזנט יאר צוריק און דאס איז עס, נאר דאס איז א זאך וואס חזר'ט זיך איבער יעדעס יאר און ס'איז ווייטער א סכנה ר"ל אויב מען איז נישט מקבל די הייליגע תורה.

## הגהות

06) דרשות דף רצ"א.

07) כדכתיב ישעיה כ"ח ד': 'כבכורה' בטרם קיץ, אשר יראה הרואה אותה בעודה בכפו יבלענה, וכדאיתא בגמ' שבת פח. עמא פזיזא, דקדמו פימא לאזנייכו, שהקדימו נעשה לנשמע.

08) כדאיתא במשנה ר"ה ט"ז. בעצרת על פירות האילן - ובפסיקתא זוטרתא פר' פנחס איתא: בשבועותיכם, אמר ר' טבי ברבי אלעזר ז"ל: חזרתי על כל עניני המועדות ולא מצאתי חג שבועות שנקרא עצרת, ורבותינו ז"ל קוראים בכל מקום עצרת לחג השבועות - והוא לשון תרגום, דאמר אונקלוס הגר בעצרתכון.

09) פסחים סח:

10) עי' במג"א סק"א, וכן בבאר היטב סק"א על קי' המפורסמת דהלא התורה לא ניתנה עד ז' סיון - א"כ איך אנו אומרים בתפילה כבר בו' זמן מתן תורתינו עי"ש.

11) ראש השנה פ"ד ה"ח:

12) סי' תס"ח סעי' י':

13) עי' בפסק"ת סי' תס"ח אות ט"ו שמביא מ"מ לזה.

# געדאנקען

## א בלינץ ביי סנעקזיט

**וו**עלכע לאנד האט די שטערקסטע עקאנאמיע?

עס איז דא פארשידענע וועגן ווי אזוי צו מעסטן די עקאנאמיע פון א לאנד.

א גרויס חלק פון די עקאנאמיע מומחים זענען ביי די מיינונג אז די ריכטיגע וועג צו מעסטן די עקאנאמיע פון א לאנד איז די דזשי. די. פי.

דזשי. ד. פי. מיינט גראסס דאמעסטיק פראדוקט.

דאס איז די נאמבער פון סחורה וואס א לאנד האט צו פארקויפן.

למשל אויב א לאנד וואלט געהאט נאר עפלער צו פארקויפן און נאר הונדערט עפלער, נישט מער נישט ווייניגער, און למשל איין עפל פארקויפט זיך פאר איין דאלער, וואלט מען געזאגט אז דער לאנד האט א דזשי. די. פי. פון הונדערט דאלער פער יאר.

אמעריקע האט א דזשי. די. פי. פון דרייסיג טריליאן דאלער א יאר.

אמעריקע האט די העכסטע דזשי. די. פי. אין די וועלט.

דערנאך קומט טשיינע מיט צוואנציג טריליאן דאלער א יאר.

נאך טשיינע קומט די לאנד וואס האט גע'רצח'עט זעקס מיליאן קדושים, השם ינקום דמם.

דערנאך קומט יאפאן מיט פינעף טריליאן דאלער א יאר.

און אזוי ווייטער.

איינס פון די סיבות ווי אזוי דער אייבערשטער האט געמאכט אזוי שטארק די אמעריקאנע עקאנאמיע, איז די גרויסקייט פון שטח און קיין גרעניץ.

ווי א גרעסערע שטח און קיין גרעניץ, אלץ בעסער איז עס פאר די עקאנאמיע.

ווי א קלענערע שטח אפגעהאקט מיט א שטרענגע גרעניץ פון ארום, אלץ ערגער פאר די ארטיגע עקאנאמיע.

ווי מער מענטשן געפינען זיך אין א געמיינזאמע אומצוהאקטע שטח, אלץ מער סחורה קען פארן פון דעם צו יענעם און פון יענעם צו דעם.

ווי ווייניגער מענטשן געפינען זיך אין א שטח אלץ ווייניגער סחורה טוישט הענט.

ווי מער סחורה טוישט הענט איז בעסער פאר די עקאנאמיע.

איינס פון די זאכן וואס מאכט אמעריקע די שטערקסטע עקאנאמיע אין די וועלט, איז די גרויסע געמיינזאמע שטח פון דריי טויזנט מייל לאנג (פון קרית ברסלב ליבערטי אויף רעכטס/ מזרח ביי די אטלאנטיק אושן ביז סאן פראנציסקאו אויף לינקס/מערב ביי די פאסיפיק אושן) ביי צוויי טויזנט מייל לאנג (פון קרית ברסלב ליבערטי אויבן צו קענעדע צו און צו צפון צו ביז ארלאנדאו אונטן צו מעקסיקאו צו און צו דרום צו).

## איבערלעבעניש, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

דערונטער דעם שטח הנקרא אמעריקע געפינען זיך א קנאפע פיר הונדערט מיליאנען מענטשן וואס זייער סחורה טוישט הענט כסדר, איינער פארקויפט העמעדער און קויפט א בענקל, איינער פארקויפט טישן און קויפט א שיך בענדל, סחורה קומט און גייט כסדר.

שטעלט אייך פאר איר קויפט אויף עמעזאן א נייע נעפקין האלטער וואס איז אן עבירה נישט צו קויפן, שטעלט אייך פאר דאס קומט פון סאן פראנציסקאו, שטעלט אייך פאר אז יעדע סטעיט וואלט געווען א אייגענע שטאלצע מדינה מיט א גרעניץ וואו מען קוקט דורך די פאספארטן אזוי ווי פון דא קיין מאנטריאל, וואלט דער נעפקין האלטער געדארפט האבן א טרעילער דרייווער פאר צוויי וואכן אנשטאט פאר איין וואך, וואלט עס אייך געקאסט א צוואנציגער אנשטאט א צענער, דעמאלטס וואלט די עבירה פון נישט עס קויפן געווען עטוואס א קלענערע עבירה.

נאר וויבאלד אז די סטעיטס זענען גוט באפריינדעט איינער מיט'ן צווייטן מאז ומקדם אלץ א חלק פון די "פאראייניגטע" שטאטן, דאס מאכט דעם טרעילער דרייווער'ס וועג פון סאן פראנציסקאו קיין ניו יארק א וואך קערצער און דאס מאכט די נעפקין האלטער ביליגער און די נישט קויפן עבירה גרעסער און די עקאנאמיע שטערקער.

און דאס איז די סיבה וואס מאכט לענדער שליסן "פריינדליכע אפמאכן" ווייל אז לענדער האבן פריינדליכע באציאונגען, מאכט עס אפענע פריינדליכע גרעניצן (אזוי ווי ניו יארק און ניו דזשערזי און אלע פופציג סטעיטס) מאכט עס בעסער פאר די עקאנאמיע.



# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

די צווייטע זאך וואס איז א גרויסע שטופ אין די אמעריקאנער עקאנאמיע איז דער אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם.

ווען מען פארט פון ווילי קיין קרית ברסלב ליבערטי, נעמט מען די וויליאמסבורג ברידזש, FDR דרייוו, הארלעם ריווער דרייוו, וואשינגטאן בריק, א בלינץ ביי סנעקזיט אויפ'ן 4, א שאכטל ניסלעך ביי וואלעראו אויפ'ן ניו דזשערזי סעווענטין, א דרימל ביי די רעסט עריע אויפ'ן טראוועי, און א ספידינג טיקעט אויפ'ן ניו יארק סעווענטין.

די טראוועי איז א אינטערסטעיט הייוועי.

די ניו יארק 17 (וואס איר עקזיט 102 איז די עקזיט פאר אסאך איינאינער פון קרית ברסלב) האט געוואלט און געזאלט ווערן אריינגענומען אין די אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם, אבער עס האט זיך געמאכט שטרויכלונגען, זיי האבן געזאגט אז זיי האבן פאררעכטן דאס מיט יענס און יענס מיט דאס, אבער ווען די פעדעראל הייוועי אדמיניסטרעישן (FHWA) האט אפגעהאלטן אינספעקשנס אויף די נ.י. 17, האבן זיי געזאגט אז ס'איז נאך דא אסאך צו טון צו קענען הייסן אינטערסטעיט 86.

עס פארשטייט זיך אליין אז ווען די שטאט וואלט אפגעמאכט אז די וועג פון וויליאמסבורג קיין ליבערטי גייט ווערן אנעקסירט צו די אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם וואלט די וועג גענומען שנעלער.

אט פונקט דאס איז די פונקציע פון די אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם, מען נעמט צווייטקלאסיגע וועגן און שטעגן און מען פארוואנדלט דאס אין די מעכטיגע פרעכטיגע ברייטביינערדיגע ברייט-ליניע'דיגע דרך המלך א שטייגער וואו טאקע אונזער אלעמען באקאנטער אינטערסטעיט-87 וואס איז די טראוועי.

בכדי צו ווערן אנגענומען אין די אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם איז דא פארשידענע רולס און רעגולעישנס.

די לעין מוז זיין 12 פיס ברייט.

עס מוז זיין א גאנצן צייט מינימום פיר לעינס, צוויי לעינס אהין און צוויי לעינס צוריק.

א אינטערסטעיט הייוועי מוז האבן א צוטיילונג צווישן די וועג צו דרום און די וועג צו צפון, אויב ס'האט בלויז די געלע ליניע קען דאס נישט ווערן אפראווד פאר א אינטערסטעיט הייוועי, די צוטיילונג מעג זיין בלויז גראז, עס מוז נישט זיין קיין אקטועלע ווענטל, אבער עס מוז זיין א צוטיילונג.

די דאזיגע אינטערסטעיט הייוועיס וואס האבן דריי לעינס אהין און דריי לעינס צוריק מוזן האבן א "שאלדער" (די זייט פון די ראוד, פון די לשון פון "אקסל" אויף אידיש און כתפיים אויף לשון הקודש) פון מינימום צען פיס סיי אויף די רעכטע זייט און סיי אויף די לינקע זייט.

די דריטע זאך וואס מאכט אמעריקע זאל זיי די שטארקסטע עקאנאמיע אין די וועלט איז דאס וואס אמעריקע שרייט אויס אויף יעדן דאלער "אין גאד ווי טראסט", מיר פארזיכערן זיך אין דעם אייבערשטן.

אז דו ווערסט זאגן צו דיך אליין יעדן טאג, איך פארלאז זיך אויפ'ן אייבערשטן, וועט זיין ביי דיר די שטארקסטע עקאנאמיע אין אמעריקע, פרוביר עס אויס.



## הערליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, און אויפן זומער.
אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דייניג רום,
קאך מיט אלע צוגעהערן, לינען צוגעשטעלט. walk in

**רופט 347-731-3144**

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן
זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917-501-5100**

## שיינע דירה צו פארדינגען

א הערליכע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו
הבעל"ט.
אנטהאלט 2 שיינע בעדרומס, א קאך און דיינוג רום

**רופט ליפא שווארץ**

**917-541-1197**







## דירה צו פארדינגען

א שיינע גרויסע רחבות'דיגע דירה אין טווין ברידזש געגענט צו
פארדינגען פארן זוממער.

**רופט לייבי ראטה**

**347-578-4449**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט
צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ
זומער.

**רופט הערשל בוים**

**347-786-1767**

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו
פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר
שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בידנבוים**

**347-549-5625**



# שבת טיש

**סעודה שבועות**
**אינדערפרי שנת**
**תשפ"ה לפ"ק**

שכח אייבערשטער, איך האב זוכה געווען צו זיין ביים ראש ישיבה דעם פארגאנגענעם יום טוב שבועות ביי די צופרי סעודה, איך וועל פרובירן בעזר השם מיטצוטיילן מיט די ליינער ווי ווייט איך געדענק.

ביי די מיליכיגע סעודה איז געווען אסאך געסט, מען האט געברענגט מילכיגע טשיס קעיק, קרעפלעך, מיט מילכיגע אייסקריעם, ווען מען האט אריינגעברענגט די אייסקריעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון די קינדער ווי אזוי זאגט מען אייסקריעם אין אידיש? האט דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איי - סקריעם, איך שריי צום אייבערשטן". (אויף ענגליש די ווארט "איי " מיינט "איך", און די ווארט "סקריעם" מיינט "שרייען", - "איך שריי" - דער ראש ישיבה האט נאר צוגעלייגט "איך שריי" צו וועם? אוודאי "צום אייבערשטן").

## טערעפי

דער ראש ישיבה האט געמאכט זיכער אז יעדער האט אלעס, איינער פון די געסט איז אנגעקומען מיט זיין ווייב שפעט, מען האט שוין געהאלטן טיף אינמיטן די סעודה, דער ראש ישיבה האט אים געמאכט א פלאץ און געזאגט: "מאך זיך באקוועם, פיר זיך אזוי ווי אינדערהיים", און צוגעלייגט: "איך בין זייער פריילעך אז דו ביסט מיין גאסט" און געזען אז ער זאל האבן פון אלעם.

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פאר זיין ווייב וואס ער האט גערעדט אין שול אז ער האט געפרעגט: "ווי אזוי זאגט מען א טראומע אויף לשון קודש? א נסיון". און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט נישט אויסגעפירט די גאנצע זאך וואס ער האט געוואלט זאגן, ווייל ער האט געוואלט זאגן אז דאס זעט מען אין פסוק ביי מתן תורה, ווען די אידן זענען געשטאנען ביים בארג סיני, און זיי האבן זיך דערשראקן פון די גרויסע פייערן און קולות, זענען זיי געקומען צו משה רבינו און געזאגט: "מיר זענען טראומעטייזט מיר קענען מער נישט דערהייבן די קולות", וואס האט משה רבינו געענטפערט? "לנסות אתכם בא אלקים - דאס איז א נסיון", זעט מען אז א טראומע איז א נסיון.

מען האט געשמועסט פון די חורבן וואס די היינטיגע טערעפי טוט, אז איינער איז אדורך עפעס א נסיון אין לעבן, האט ער שוין א היתר עובר זיין אויף אלע מצוות.

האט זיך איינער אנגערופן מיט א שאלה, טערעפי העלפט דען נישט אביסל? האט דער ראש ישיבה געזאגט "וואס העלפן? זיי הייבן נישט אן צו וויסן פון זייער לעבן צו זאגן".

## פיינע פלייש

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב: "די עסן ווערט נאר בעסער און בעסער, איך בין שוין חתונה געהאט אזויפיל יאר און די עסן ווערט נאר בעסער און בעסער, אפשר ווען מען ווערט עלטער פילט מען מער די טעם פון עסן"? בקיצור ער האט געזוכט ווי ער קען געבן א קאמפלימענט אז די עסן איז געשמאַק.

ר' יוחנן נ"י (א גאסט פון ארץ ישראל וואס איז געווען ביים ראש ישיבה ביי די סעודות) האט געזאגט, אז ווען זיין ווייב איז נישט אינדערהיים, און ער דארף זיך אפגעבן מיט די קינדער, זעט ער וואס ס'מיינט א ווייב, ווי שווער עס איז זיך אפצוגעבן מיט די קינדער, דעמאלט זינגט ער אנדערש די אשת חיל, דער ראש ישיבה האט אים געהייסן דאס איבער זאגן הויך, אז אלע זאלן הערן.

ביי די פלייש האט דער ראש ישיבה געוויזן פאר זיין ווייב מיט די הענט: "הָא איז די פלייש גוט".

## די ליבערטי אידן

עפעס איז אריינגעקומען א שמועס אז אסאך מענטשן פון ליבערטי זענען אידן, דער ראש ישיבה האט געזאגט: כמעט אלע וואס דו זעסט דא, זענען אידן, דער ראש ישיבה האט פארציילט, אז זייערע זיידעס, זענען געקומען צו די בערג מיט מסירות נפש, ווייל עס איז געווען זייער שווער צו היטן שבת אין אמעריקע, און דא אין אפסטעיט האט מען געקענט האבן פארעמס, מען האט געקענט לעבן פאר זיך און נישט ארבעטן פאר יענעם, זענען געקומען דא אסאך אידן..

אבער איין זאך זיי האבן נישט געכאפט, אז מען דארף מאכן א תלמוד תורה, ווי וויכטיג עס איז א חינוך הבנים, זיי זענען געקומען אין שול אלע מיט מסירות נפש, אבער זייערע קינדער האבן נישט געהאט קיין מלמדים, האבן זיי זיך רח"ל אויסגעמישט מיט די גוים, די בילדינג וואס מיר האבן פאר די תלמוד תורה איז געווען אמאל א שול פון די אידן, ליידער איז דאס ליידיג געווארן.

## אויפן גראם

איך האב באמערקט אן אינטערעסאנטע זאך ביי אלע סעודות פונעם ראש ישיבה ווען דער ראש ישיבה זעט אז א קינד וויל עפעס זאגן, פארציילן, אדער זינגען, אפילו ס'איז נישט יעצט אין פלאץ, מ'האלט יעצט למשל אינמיטן שמועסן פון אנדערע זאכן, וועט דער ראש ישיבה מיט גיין מיטן קינד, און אזוי אריינשלעפן דעם קינד'ס מח, אז דאס קינד זאל אויך האבן א געשמאק אין די סעודה, און שפירן ווי דער ראש ישיבה איז מיט אים, אז ער זינגט זיין ניגון, אדער

**א דעטאלירטע באריכט פון אידן וואס האבן געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א**

**סעודה איבערגעגעבן דורך י. פ.**

רעדט זיין חידה, זיין וויץ, זיין מעשה, און ווי ער מאכט זיכער ארייצוברענגען דעם אייבערשטן, אמונה, תפילה, שמחת המצות, וכדו', און אויך מאכט דער ראש ישיבה זיכער אז עס זאל זיין זייער פרייליך ביי די סעודה, כדי די קינדער זאלן האבן א געשמאק אין די שבת סעודות.

למשל איינע פון די קליינע קינדער האט געברענגט צום טיש א הגדה פון חדר, (פארגעס נישט מ'רעדט יעצט אינמיטן די שבועות'דיגע סעודה) און דאס קינד האט געוואלט זינגען חד גדיא, דער ראש ישיבה האט אויפגעמישט די הגדה און געזינגען מיט אים חד גדיא, (אנשטאט צוויי גילדן האט ער געזאגט צוויי דאלער).

איין קינד האט למשל געוואלט זינגען עפעס א ניגון טועמי'ה, האט דער ראש ישיבה דאס אנגעפאנגען צו זינגען.

דער ראש ישיבה זינגט די ניגון אסאך מאל מיט די קינדער אויף זיינע אייגענע ווערטער, יעדע מאל אביסל אנדערע ווערטער און גראמען, ווי למשל:

טייערע ברידער שטייסט אויף אינדערפרי,

די ערשטע זאך זאגסטו מודה אני,

צום באשעפער אביסעלע רעדסטו,

נאכדעם אין מקוה גייסטו,

נאכדעם א קאפי טרינקסטו,

דיין מאמע אביסל העלפסטו,

נאכדעם מיט דיין חבר שפילסטו,

א פרק משניות זאגסטו, טעם טעם טעם טעם עולם הבא.

מיט דיין בייק פליסטו,

אויף דעם, דעם אייבערשטן דאנקסטו,

אלע טעמים אלע טעמים.

וואי פפשו

דו דאנקסט דעם אייבערשטן אז א איד ביסטו,

דער ראש ישיבה האט ארייגעלייגט אסאך געשמאקע גראמען פאר קינדער, ווי למשל

אייסקרים עסטו,

און סווימינג פאל שווימען גייסטו,

מיט דיין חבר אויף די בייק פליסטו,

און אזוי צווישן אפאר אזעלכע זאכן אריין געלייגט אייבערשטער.

ווי למשל צום אייבערשטן דיין הארץ ברענסטו, מיטן באשעפער שמועסטו,

צום אייבערשטן שרייסטו,

איינע פון די קינדער האט נאר געוואלט מען זאל זינגען פון A2Z

(עס איז דא עפעס א געשעפט אין וויליאמסבורג וואס הייסט A2Z)

ער האט נאכאמאל און נאכאמאל געזאגט A2Z

ביז דער ראש ישיבה האט געזאגט: צום אייבערשטן געבסטו דיך איבער פון A2Z

דער ראש ישיבה האט מכבד געווען ר' חיים מאיר און נאך איינע פון זיינע חתונה געהאטע קינדער, זאל אויך זאגן און גראמען זאכן, למשל צו דיין ווייב שיין רעדסטו.

## גראף פאטאצקי

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די גזירת החינוך, ער האט דערציילט ווי אזוי ער האט אריינגעשיקט פאר די רעגירונג, ווי אזוי מען איז מסביר אז מיר טוישן נישט אונזער חינוך.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס איז אסאך געלט פאר די מוסדות, אבער אויב ער דארף עפעס טוישן פון די חינוך קוקט ער נישט אויף די געלט, ער נעמט נאר די געלט פון די רעגירונג ווילאנג זיי געבן דאס אן זאגן דיעות אין די חינוך, אבער אויב מען דארף עפעס טוישן אין די חינוך, איז ער נישט אנגעוויזן אויף זייער געלט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס וואס ער קען צאלן מלמדים איז ממש ניסים, און ער גייט נישט טוישן די חינוך, נישט צו פארלירן די געלט פון די רעגירונג. זיי שיקן אימעיל'ס און ער ענטפערט זיי נישט, ער איז נישט אנגעוויזן אויף זיי, ווייל ער ווייסט אז די געלט איז נישט אין זייערע הענט, געלט איז פונעם אייבערשטן, מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט אז געלט קומט פונעם אייבערשטן אליינס.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די גאנצע גזירות החינוך האט זיך אנגעהויבן פון מסירות פון היימישע קינדער וואס זענען נעבער ארויס געפאלן רח"ל, און זיי זענען געגאנגען רופן די רעגירונג אין געריכט, היתכן די רעגירונג שטייט נישט אויף דעם, אז מען זאל זיי געבן מער עדוקיישן (חינוך) און כאילו זיי זענען נישט מצליח אין לעבן ווייל אלץ קינד האבן די מוסדות נישט געלערנט גענוג.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: יעצט איז שבועות, און די גאנצע מעשה פון גראף פאטאצקי איז דאך אויך געווען פון מסירות, פון א מענטש וואס האט אים גע'מסר'ט, ער איז געזעצן אין בית המדרש און געלערנט, און מען האט אים געשעטערט, מענטשן זענען געשטאנען אין בית המדרש און געשמועסט, און ער האט זיי געזאגט נו, נו, גייט ארויס שמועסן אינדרויסן ענק שטערן

מיר לערנען, זיי האבן זיך אויפגערעגט און זיי זענען געגאנגען מסר'ן.

איינע פון דער ראש ישיבה'ס אינגלעך האט זיך אנגערופן אז זיין רבי האט פארציילט די מעשה און ער האט עס פארציילט אביסל אנדערש, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: נו פארצייל, פארצייל, איך האב שוין אביסל פארגעסן די מעשה.

## שכח ראש ישיבה

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אין מירון זענען הונדערטער מענטשן צוגעקומען זאגן שכח פאר די שיעורים, און אז די שיעורים איז זייער חיות, שכח ראש ישיבה איך בין דיר שולדיג מיין לעבן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אפשר ווייל דער עולם איז געווען פארנומען מיט די פאליציי, האט מען זיך שוין נישט געשעמט, איך ווייס נישט, אבער די מציאות איז אז אזוי איז געווען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט דאס נאכאמאל איבערגעפרובירט אין געז סטאנציע, ער האט געוואלט דאס פראבירן נאכאמאל, איז ער ארויס פון די קאר און שפאצירט אינמיטן פונעם עולם, און ער האט נאכאמאל געזען ווי יעדער איז צוגעקומען צו אים, ראש ישיבה שכח, שכח ראש ישיבה, די דרשות איז מיין לעבן, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "די מפיצים מאכן א גוטע ארבעט".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אויף א געוויסער ראש ישיבה, אז ער רעדט פון רבי'ן, און ער זאגט נאך אפן פונעם רבי'ן און אויך פון רבי נתן. אבער איין זאך, ער זאגט גאנצע תורות און דרשות, און דער עולם האט נישט קיין נערוון הערן צו קיין תורות. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט גערעדט אין שול פון מילך, פון דם נעקר ונעשה חלב, און ער האט גלייך געזען אז מען הייבט אן א תורה איז דער עולם שוין נישטא.

איינע פון די געסט האט זיך אנגערופן "גראדע האב איך זייער הנאה געהאט פון דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט". ר' יוחנן נ"י האט געזאגט "איך קען זאגן פון מיר איך האב זייער הנאה געהאט פון דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער פריידט זיך צו זיין א חלק פון אזא חבורה, ער פריידט זיך צו זיין אונזער חבר.

## די סעיף עפענט זיך

דער ראש ישיבה האט איבערגעזאגט פאר זיין ווייב געוויסע נקודות וואס ער האט געזאגט אין שול ביים תיקון ליל שבועות, און וואס מען האט געזינגען.

ביי א אנדערע סעודה האט דער ראש ישיבה פארציילט וואס ער האט געזאגט ביים ליינען די תנאים, אז ווען ער איז געווען אין ישיבה, האט א בעל דרשן געוואלט מעורר זיין די בחורים, אז מען זאל גיין מיט די היט, האט ער געמאכט א משל אז אזוי ווי שבת פארשטייט יעדער אז מען דארף גיין מיט א היט, די זעלבע די גאנצע וואך, די בחורים האבן געקוקט איינער אויפן צווייטן, שבת גייען מיר דאך אויך נישט מיט קיין היטן א גאנצן טאג, האט דער ראש ישיבה געזאגט: מאכסט א משל פון שלום בית, די שלום בית אליין איז דאך נישט מסודר, דארף מען דאך קודם זען אז די שלום בית זאל זיין גוט,

דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה פון די סעיף, די מעשה פון תפילה פון המפיץ הרב נתן יאקאבאוויטש שליט"א, ער האט געוואלט עפענען די סעיף פונעם ארון קודש צו קענען דאווענען ותיקין שבועות פארטאגס, א° ער ער האט נישט געהאט די נומער, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן, דער ראש ישיבה איז אויך פינקט דארט געווען, און האט אויך נישט געהאט די נאמבער פון די סיעף, האט ער אויך געבעטן דעם אייבעשטן, פלוצלונג ר' נתן געבט א דריי אהין און צוריק און עס עפנט זיך די סעיף.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פאר איינע פון די בחורים: "האסט שוין געהאט אמאל אזא מעשה, האסט שוין געהערט אזא זאך? מען געבט א דריי א סעיף און עס עפנט זיך? א סעיף איז א שטארקע פארמאכטע זאך, די

נאמבער איז געדרייט, עס עפּענט זיך נישט אזוי שנעל״.

## הערליכע אקדמות

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון אקדמות, ווי הערליך עס איז. ער האט אויסגערעכנט אפאר שטיקלעך, צבי וחמוג ורגוג דילעון בלעותא. ווי הערליך עס איז, דער ראש ישיבה האט געזאגט עס איז געמאכט געווארן מיט רוח הקודש, די אלע זמירות וואס מיר זינגען איז געמאכט געווארן מיט רוח הקודש, דער ראש ישיבה האט געזאגט: ״עס קומט דאך ארויס יעדן טאג נייע ניגונים, עס קומט ארויף עס גייט אראפ עס קומט ארויף עס גייט אראפ, עס ווערט פארגעסן, און דא הונדערטער הונדערטער יארן, גאנץ כלל ישראל זינגט די זעלבע פאר זמירות, כל מקדש, מנוחה ושמחה, ווייל דאס איז געמאכט מיט רוח הקודש״.

דער ראש ישיבה האט אסאך מאל געזאגט, איך בין אזוי פרייליך איך האב היינט א חתונה, היינט זענען מיר געווארן אידן, ווען נישט די היינטיגע טאג, וואלסטו געהייסן דשעקי דשאוי.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די קינדער א קשיא, ביי אפאר סעודות, פארוואס האט מען געגעבן די תורה אויף די בארג סיני, האבן די קינדער געזאגט ווייל די בארג סיני האט זיך געהאלטן קליין.

האט דער ראש ישיבה געפרעגט, וואס הייסט ער האט זיך געהאלטן קליין, ער איז דאך קליין, ער האט פארציילט אז ער האט זיך אלעמאל געוואונדערט אלס קינד אויף זיין זיידע, מיין זיידע איז דאך א עניו ווי אזוי קען זיין אז ער זיצט אויבן אן?

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז עס איז דא א בארג הר תבור, א בארג הר חרמון, דער ראש ישיבה האט זייער זיס אראפגעלייגט ווי אזוי עס איז דער הר תבור, עס איז דא א גראדע פלאץ אין ארץ ישראל, און אינמיטן איז דא א ריזיגע ריזיגע בארג וואס הייסט הר תבור, עס איז אזוי ווי א ווארצל אינמיטן א גראדע פלאץ, פלוצלונג א ריזיגע בארג הר תבור, די הר תבור האט געוואלט מען זאל געבן די תורה אויף אים, אזוי אויך איז דא נאך א בארג אין ארץ ישראל, וואס אייביג איז עס ווייס, אזוי ווי א שלאף קאפל...

אין ארץ ישראל איז זייער הייס, און דא איז דא איין בארג וואס איז אייביג ווייס פון שניי, הר חרמון, און זיי האבן געוואלט דער אייבערשטער זאל געבן די תורה אויף זיי, אבער די בארג סיני האלט זיך קליין, האט דער ראש ישיבה געזאגט: ״ווייסט וואס מיינט זיך האלטן קליין? האלטן קליין מיינט ער איז צופרידן״!!

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון איינע פון די געסט, נו האסט הנאה דא, וואס איז די הויכפונקט? דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ביי אים איז די דאוונען די זאך, ער ווערט זאט פון די דאוונען.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אלע צדיקים ארבעטן אינאיינעם עס איז א טעים, איינער זאגט דאס, און דער צווייטער זאגט אנדערש, עס קוקט אויס ווי ער זאגט פונקט פארקערט, אבער עכט ארבעט מען אינאיינעם.

למשל איינער זאגט אז מען דארף דווקא לערנען בעיון, און איינער זאגט פארקערט, איינער זאגט אז מען דארף בקיאות, און איינער זאגט פונקט פארקערט, אלע צדיקים ארבעטן אינאיינעם, נאר פאר די חסידים קוקט אויס ווי זיי קריגן זיך.

האט איינער געפרעגט פארוואס טאקע איז עס אזוי? אויב מען ארבעט טאקע אינאיינעם דעמאלט פארוואס דארף עס אויסקוקן ווי מען קריגט זיך, האט דער ראש ישיבה געזאגט דאס איז די גלות.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען דארף שוין באלד גיין ליינען די תנאים, ער האט מסביר געווען פאר זיין ווייב אז די תנאים האט געמאכט ר' ישראל נג'ארה, א תלמיד פון דער אר״י ז״ל, עס איז הערליך, עס איז אזוי אויסגעשטעלט אזוי ווי א תנאים פון מאן און ווייב, צו די אידן פון אייבערשטן.

## אוויר מירון

נאכן בענטשן האט ער געטאנצן און געזינגען בר יוחאי, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז זייט ל״ג בעומר וויל ער אריין ברענגען רבי שמעון אין די קינדער, ער האט געזאגט פאר איינע פון די קלענערע קינדער: ״דו ווילסט קומען אויף מירון? ״אז די ווערסט ענדיגן ש״ס וועל איך דיך נעמען קיין מירון״. אינמיטן טאנצן האט ער נאכגעמאכט ווי אזוי איינער זינגט אויף די מייק הייזעריגערהייט, אשריכם ישראל אן קיין טאן, בקיצור ער האט געמאכט פריילעך.

אויך האט ער אינמיטן זינגען געשריגן, ״הצלה ביי די ווייבער, הצלה ביי די ווייבער״, אויך האט ער נאכגעמאכט ווי דער וואס זינגט אויף די מייק אין מירון און שרייט אינמיטן זינגען, ״זיי קומען, זיי קומען״. עס איז געווען זייער זייער פריילעך.

שכח אייבערשטער פאר די מתנה אז מיר האבן געהאט אזא שיינע יום טוב מעין עולם הבא.

שכח ראש ישיבה פאר מיר אריין נעמען .

שכח פאר דער ראש ישיבה'ס ווייב פארן צושטעלן אזעלכע געשמאקע יום טוב סעודות אלע טעמים.

שכח פאר די רעדאקציע פארן צושטעלן אזעלכע שיינע ארטיקלען פיל מיט אמונה תוכן יראת שמים צו ליינען טעם טעם טעם...

יעדע ארטיקל עקסטער איז צו די זאך מלא טעם.

# געשעעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב









**הדלקה אין די קארלסבורגער הצר אין מירון - ב׳ בהר בחקותי**

קרעדיט: יוסי פרערויא









**ל"ג בעומר הדלקה אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: יוחנן שור



**פרייליכע ל"ג בעומר שיעור פאר די בחורים אין שטעטל - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: ישראל פוקס



**דער דיין שליט"א ביים צינדן לעכט לכבוד שבת אין זיין דירה אין מירון - עש"ק אמור**

קרעדיט: יוסי פרערויא









**ל"ג בעומר הדלקה ביי ביהמ"ד היכל הקודש בית שמש - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: זלמן וויזעל, יצחק ראטה, גדלי' בעללער





**אפשערן פון הילד נחמן נתן ני"ו בן מו"ה משה איינהארן הי"ו אין שטעטל - ל"ג בעומר**

קרעדיט: משה איינהארן








**ל"ג בעומר הדלקה ביי ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש




**חדר פירן פון הילד נחמן נתן נ"ו בן מו"ה משה אייגהארן הי"ו אין תלמוד תורה אין שטעטל - ל"ג בעומר**

קרעדיט: משה אייגהארן







**פרייליכע טענץ לכבוד ל״ג בעומר נאך מעריב אין שטעטל - ל״ג בעומר, ב׳ בהר בחקותי**

קרעדיט: אייזיק ראטה


















**הכנות צום גרויסארטיגע מעמד הדלקה אין שטעטל - ל"ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, ישראל פוקס, אברהם הערש וועבערמאן, אברמי פרידריך, אייזיק ראטה






**ביים לערנען זוהר הקודש אין גן עדן התחתון אין שטעטל - ל"ג בעומר**

קרעדיט: אייזיק ראטה




**ביים שיסן מיט א פיילן און בויגן - ל"ג בעומר**

קרעדיט: אייזיק ראטה










**די ווייבער שול אין שטעטל הערליך צוגעגרייט לכבוד די ל"ג בעומר סעודה - ל"ג בעומר**

קרעדיט: אייזיק אפפעל, אברהם הערש וועבערמאן





**ביים שיסן מיט א פיילן און בויגן בשעת די הדלקה - ל"ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, שמעון פאטריגאל


















**צענטראלע סעודה לכבוד התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי אין שטעטל - ל״ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, אברהם הערש וועבערמאן





**ביים אויסרופן סיומים אויף זוהר הקדוש און תיקוני זוהר ביים ל"ג בעומר סעודה אין שטעטל - ל"ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, אייזיק ראטה





**ביים פארקויפן די זכות ההדלקה אין שטעטל - ל"ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל





**ביים גיסן אויל פאר די הדלקה - ל"ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל









**ביים אנצינדן די הדלקה אין שטעטל - ל״ג בעומר**

קרעדיט: שמעון פאטריגאל, נפתלי זאבעל





**די מוזיק ביים הדלקה אין שטעטל - ל״ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל











**פייערדיגע טענץ ביים גרויסארטיגע הדלקה אין שטעטל - ל"ג בעומר**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, שמעון פאטריגאל,

**קרן הדפסה**
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## מו"ה לייבי ראטה הי"ו
## וזוגתו תחי'

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון 'קרן הדפסה'

## לרגל שמחת האפשערן
## של בנו יוסף נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,
## אשר יעקב בלום
בשם
## הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

בס"ד
פרשת במדבר
אויסגאבע # 18

# אינדערהיים




א קשר מיט
רבי שמעון
א גאנץ יאר
**ש. ל. פליישמאן**

די עצה פאר
נפשיות'דיגע
פראבלעמען
**ש. טראכטער**

האק האק האק
**ג. פעקעטע**

## פיר פיצלעך

מ. פעדער

# אינדערהיים




4



13

**בס"ד**
במדבר
תשפ"ו
**נומער 18**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. כץ
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידיש שטוב:
**212.444.9169**

dominogrp.com



# בלומען לכבוד שבועות

לעידי'ס אקזילעררי

היכל הקודש ברסלב

New this season

## Introducing a wide variety of gorgeous upscale vases

בית מדרש האשקי

בית מדרש ירושלים

מיטוואך: 4:00 ביז 7:00 נאכמיטאג

דאנערשטאג - ערב יו"ט: 8:00 ביז 5:00 נאכמיטאג

(ירושלים ערב יו"ט: 2:00 ביז 4:00 נאכמיטאג)

ש. טראכטער




# נפשיות'דיגע פראבלעמען

איך הער שוין שיעורים באלד צוויי יאר. אין אנהייב האב איך געשפירט ווי איך בין אריין אין א נייע וועלט; איך האב געזען פאר מיר א וועג צו ווערן אן ערליכער איד. אבער מיט די צייט, ווען די ערשטע פאזע פון 'עקסייטמענט' איז אויסגערינען, דערזע איך זיך פלוצלינג מיט די זעלבע נאטורן, די זעלבע מידות און די זעלבע דאגות... איך וואונדער זיך טאקע: וואו האלט איך אויף די וועלט?

מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט אז א מענטש זאל זיך כסדר מעסטן: 'מה שביד בטוח' - וואס איך האב אין מיין האנט, דאס איז פארזיכערט. דאס הייסט, אז אויב דו ווילסט וויסן אויב דו ביסט ביי אן ערליכע פלאץ, מעסט זיך: וואס האסטו אין דיין האנט? תורה, תפילה, כיבוד אב ואם... דעריבער וואונדער איך זיך, וואס האב איך טאקע אין מיין האנט? מה שביד? האב איך עפעס אין מיין האנט? בטוח? בין איך דען זיכער? איך שפיר אז ווי מער איך וויל ווערן בעסער, אלץ ווייטער זעט מיר אויס די שלימות."

דאס איז טאקע א שטארקע שאלה. קענט איר די שאלה? אסאך האבן די דאזיגע אדער ענליכע שאלות. אפשר נארט מען זיך טאקע? איך זע אז איך דאגה נאך, איך פארליר זיך, איך טינק זיך נאך אלץ אין מיינע אלטע מידות און נאטורן; וואס גייט דא פאר? איך פאל

אזויפיל אדורך, צי טוען די אלע עצות עפעס אויף פאר מיר?

דער ענטפער איז צווייפאכיג:

1. א דורכפאל איז נישט קיין סימן אז דו שטייגסט נישט; עס איז א סימן אז דו לעבסט. אדרבה, דא קומען אריין די לימודים און די התחזקות פונעם רבי'ן. דא מעסט זיך די גרויסקייט: צו זען וואס דו טוסט נאך א דורכפאל. זיך אויפהייבן צוריק, דאס מיינט 'געשטיגן'. יעדער איד פילט זייער גוט ווען ער "שטייגט", אבער דער אמת'ער טעסט איז טאקע ווען מען פאלט אדורך. צו האב איך די כוחות זיך צו באנייען צענדליגער און הונדערטער מאל, אדער ווי דער הייליגער רבי זאגט "טויזנט" מאל א טאג? דאס איז גאר א גרויסע און הייליגע עבודה.

2. אבער נאך טיפער איז די דערהער וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר: "איידער דו ביסט אנגעקומען צום רבי'ן, האסטו אויך געהאט די אלע פראבלעמען?" איידער מיר האבן זוכה געווען צו באקומען נייע מוחין פונעם הייליגן רבי'ן, האבן מיר אמאל געהאט דעם געפיל אז "איך בין אזוי ווייט פונעם אייבערשטן?"

עס זענען דא אסאך זאכן אין לעבן וואס זענען "רעלעטיוו". דאס הייסט אז עס האט נאר א ממשות ווען מען שטעלט עס צו צו א צווייטע זאך. למשל, וואס מיינט הויך? וואס מיינט נידריג? הויך און נידריג זענען זאכן וואס דו קענסט נאר מעסטן ווען עס ווערט צוגעשטעלט צו עפעס אנדערש. דריי פיס איז הויך אדער נידריג? עס איז הויך פאר א פויגל, אבער נידריג פאר אן ערוואקסענעם מענטש. צוויי אינטשעס איז זייער קליין פאר א שיך, אבער זייער גרויס פאר א פליג.

נאר איינער וואס האט שוין זוכה געווען צו שפירן **נאנט** צום אייבערשטן, קען שפירן **ווייט**! נאר איינער וואס האט טועם געווען דעם טעם פון "שפירן דעם אייבערשטן", קען ווערן צובראכן און פארבענקט ווען ער שפירט עס נישט.

און ווי מער מען איז זוכה צו שפירן אמת'ע שמחה, אדער אמת'ע התקרבות צום אייבערשטן, אלס ווייטער זעט מען אז עס קען נאך גיין.

איינע פון מיינע קינדער האט מיר אמאל געזאגט, אז ער שפירט אז ווי מער מען גייט אריין אין דעם ענין פון התבודדות אדער עבודת ה', אלץ טיפער ווערט עס, און אלץ טיפער און ווייטער איז נאך דא צו גיין. פארוואס שפירט עס אזוי?

מען קען אפשר נוצן א משל ווי א צימער וואס האט א סקיילייט, ווי נאר מען עפנט די סקיילייט, זעט מען אז עס איז דא א העכערע דאך מיט נאך א סקיילייט... און ווען דער מענטש קריכט אהין ארויף, זעט ער אז עס גייט נאך העכער און העכער... און אזוי ווייטער און ווייטער. וויאזוי איז מען זוכה ארויפצוגיין אלץ העכער און העכער? מען איז זוכה דערצו דורך תפילה און התבודדות, ווי דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן (סימן ב') אז אויב א מענטש פארמערט אין די עבודה פון תפילה און התבודדות, קומט ער צו דערצו אז עס שיינען אים פאר די אויגן אלע שמות הקדושים, און יעדער מענטש קען זוכה זיין אנצוקומען דערצו.

מילא, די אלע פראבלעמען זענען גראדע א ראיה אז דוקא יא, "מה שביד בטוח", דו האסט עפעס אין דיין האנט! דאס וואס דו שפירסט אז דו ביסט אזוי ווייט און עס גייט דיר אזוי שווער צו זיין גוט און בעסער, דאס איז די שפלות וואס פאלט ארויף אויף א מענטש ווען ער קומט אן צום צדיק אמת. דאס איז אייגנטליך אן אנדייטונג אז דו ביסט נאנט, ווייל נאר ווען מען איז נאנט קען מען משיג זיין וואס עס מיינט צו זיין "ווייט".

עס איז אזוי ווי איינער זאל דיר זאגן: "א שאד צו קויפן גוטע טעפ, דו האסט דאך ביז איצט געקאכט אין בעקעלער, וואס פעלט עס אויס?" אדער: "שייל אפ די גרינצייג מיט א שטומפיג מעסער, פונקט ווי ביז יעצט."

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אין א שיעור: "איינמאל מען הייבט אן צו לעבן מיט א צדיק, קען מען שוין נישט לעבן אן א צדיק." אמת, דו האסט געלעבט פארדעם אויך, דיין לעבן איז אנגעגאנגען; איידער דו האסט זוכה געווען צו שפירן דעם טעם פון התבודדות האסטו דאך אויך געדאווענט. נישט אזוי?

עס איז אזוי ווי איינער זאל דיר זאגן: "א שאד צו קויפן גוטע טעפ, דו האסט דאך ביז איצט געקאכט אין בעקעלער, וואס פעלט עס אויס?" אדער: "שייל אפ די גרינצייג מיט א שטומפיג מעסער, פונקט ווי ביז יעצט."

עס איז נאריש. ריכטיג, מען קען קאכן אין א בעקעלע, אבער יעדע בעל הבית'טע ווייסט צו זאגן אז עס איז אינו

דומה די עסן וואס מען קאכט און מען גרייט צו מיט די ריכטיגע כלים.

דער הייליגער רבי גיט אונז די כלים וואס נעמען אונזער גאנצע רוחניות און אונזער נשמה, און ברענגען עס ארויף א שטאפל העכער, מעלה למעלה. דער הייליגער רבי לייגט אריין א שטיק ׳אלוקות׳, א שטיק אייבערשטער, אין דעם טאג-טעגליכן לעבן, אזוי אז מען קען שוין נישט מדמה זיין דאס לעבן מיט׳ן רבי׳ן צו דעם לעבן פארדעם.

״פארוואס דארפן די ברסלב׳ע חסידים אזויפיל חיזוק?״ האט מיר א באקאנטער געפרעגט מיט שפאס.

און פארוואס דארף מען געבן צדקה פאר א ״יורד״ (א געוועזענער עושר) מער ווי פאר א פשוט׳ן מענטש? ווייל ער איז געוועזן געוואוינט צו פיל לוקסוס, דעריבער איז דער קלאפ פיל שווערער פאר אים.

דער הייליגער רבי מאכט אונז עשירים ברוחניות, דעריבער דארף א ברסלב׳ע איד מער חיזוק ווי א צווייטן, ווייל ער ווייסט וואס עס פעלט אים. ער האט שוין טועם געווען דעם טעם פון אמת׳ע און אייביגע עשירות, ממילא ווען ער שפירט עס נישט (ווייל דאס איז דאס לעבן, אמאל ארויף און אמאל אראפ), דארף ער פיל מער חיזוק.

ווען א מענטש ווערט פריש מקורב, הערט ער מושגים, עצות און א דרך וואס וועט אים ברענגען צו שיינע זאכן. און אז מען הייבט אן אויסצופירן די עצות און עס עפנט זיך אזא מין ליכטיגקייט, פארשטייט זיך אליין אז דער יצר הרע זיצט נישט אין א זייט און פאטשט דיר אפ, ״גיי ווייטער...״ פארקערט, ער שפרינגט אויף און וויל טון אלעס וואס איז מעגליך אונז צוריקצושלעפן צו אונזערע אלטע מידות און נאטורן.

דער ראש ישיבה שליט״א שרייבט אין א בריוו:

**״אזוי גייט עס ביי אלעמען; דער צד הטומאה וויל דיר צוריק, זיי ווילן נישט מען זאל גיין צו די קדושה. מוהרא״ש זכותו יגן עלינו האט מיר אמאל מחזק געווען אויף די שוועריקייטן וואס מען האט מיר געמאכט, און מוהרא״ש זאגט מיר: ׳דער סמ״ך מ״ם איז ריזיג גרויס, ביזן הימל, ער האט צוויי ריזיגע טאשן אנגעפילט מיט בחורים. דו קומסט און דו טיילסט אויס קליינע מעסערלעך (משניות׳לעך) פאר אלע בחורים וואס ער האט שוין ביי זיך אין קעשענע; די משניות שטעכט אים. נו, שטעל דיר פאר, אלע הייבן אן שטעכן דעם סמ״ך מ״ם, ער האלט דאס נישט אויס און ער שפרינגט, דעריבער מאכט ער דיר שוועריקייטן׳. דאס איז די סיבה פארוואס יעדעס מאל מען וויל קומען הערן דברי אלקים חיים ווערט מען מיד, מען טראכט ׳איך וועל שוין הערן אן אנדערע מאל׳, און ווען מען וויל לערנען די בריוו טראכט מען ׳איך האב וויכטיגערע זאכן צו טון׳; ווייל דער סמ״ך מ״ם וויל נישט פארלירן זיינע**



קליענטן."

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביים ליל ששי שיעור פרשת אחרי קדושים אז דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף די גרעסערע נשמות. איז ווען א מענטש שפירט אז עס גייט אים נישט, ער שפירט ווי דער יצר הרע האט אפגעלאזט די גאנצע וועלט און נעמט זיך נאר איבער מיינע ביינער, זאלסטו נעמען חיזוק דערפון אז דאס מיינט אז דו האסט א גרויסע נשמה.

דאס איז אוודאי גילטיג פאר אונז אלע, און זיכער פאר אידישע מאמעס, וואס די גאנצע שטוב איז געוואנדן אין אונז.

אוודאי זוכט דער יצר הרע אלע סארט עצות אונז אפצוקילן. איינער פון זיינע גוטע אויסגעפרואוווטע עצות איז, אונז גוט צוברעכן און אריינברענגען די מחשבות: "נע, קוק וואו דו האלטסט, א בושה... דו הערסט שיעורים און שיעורים און...? גארנישט! אזוי רעדסטו צו דיין מאן? אזוי זיך צו פארלירן מיט א קינד? אזוי צו בארעדן א צווייטן..."

אבער באמת איז דאס א נארישע סברה, ווייל "עליות און ירידות" (שטייגן און אדורכפאלן) זענען דער ניגון פון דאס לעבן. אזוי גייט עס, איין טאג ארויף און צוויי אראפ, און נאכאמאל און נאכאמאל. די עבודה פון א איד איז נישט צו זיין אלעמאל דערהויבן, נאר זיך ווידער און ווידער אויפצוהויבן!

און אז דער יצר הרע קלאפט דיר אז דו ביסט נאך אזוי ווייט און אזוי גארנישט, און דו טראכסט אז ער איז זייער גערעכט, דארף עס דיר אויך נישט ווי טון, ווייל מיר זענען דאך ביים הייליגן רבי'ן, און דער הייליגער רבי געבט אונז די זיסטע און שטערקסטע עצה צו ווערן ערליכע אידן: "התבודדות".

דער רבי געבט אונז דעם 'טריק' וויאזוי מנצח צו זיין די שלעכטע מידות, די נאטורן און די זינד.

איינער דערציילט מיר אז זי האט געשמועסט מיט א חבר'טע איבער נפשות'דיגע פראבלעמען, און יענער האט איר מסביר געווען בטוב טעם ודעת איבער א נייע מהלך פון 'הילינג'. מיין חבר'טע, וועלכער טרינקט שוין פון די אונגערישע ווייַן, האט איר אויסגעהערט מיט א האלב אויער, בלויז אלס מענטשליכקייט. יענער האט עס דערשפירט און זיך אנגערופן: "אקעי, איך ווייס וואס דו טראכסט: התבודדות, התבודדות, התבודדות... דאס איז די עצה פאר אלע עצות!"

זי האט גוט צוגעטראפן. התבודדות, התבודדות, התבודדות, און יא, נאכאמאל התבודדות. דאס איז די עצה פאר אלע עצות!!

אין א שיעור פאר די בחורים האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט וואס מוהרא"ש טייטשט אויפ'ן פסוק "אל תבטחו בנדיבים, בבן אדם שאין לו תשועה" (פארלאז זיך נישט אויף א מענטש, ווייל ער קען דיר נישט העלפן). זאגט דער הייליגער רבי: "פארלאז זיך נישט אויף אנדערע מענטשן אדער מהלכים, ווייל 'שאין לו תשועה' - ער קען זיך אליינס נישט העלפן, איז וויאזוי קען ער דיר העלפן?"

האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט: "אז א מענטש קומט בעטן אן עצה, וואס קען מען אים זאגן? מען קען אים נאכאמאל מחזק זיין צו גיין צום אייבערשטן. דא אין היכל הקודש איז ווי א 'טשארדזשינג סטעישאן' אדער א גאז סטאנציע; מען הערט נאך א שיעור, נאך א דיבור, און נאך א שמועס אז אלעס איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער איז אלעס."

דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן (סימן ב') אז תפילה דארף גיין מיט סבלנות. מען קען נישט זאגן "איך האב שוין געבעטן", נאר א איד דארף בעטן איינמאל און נאכאמאל, און נאכאמאל און נאכאמאל, ימים ושנים. דאס איז די שיינקייט פון תפילה, אז עס גייט מיט סבלנות. ווי דער הייליגער רבי זאגט אין שיחות הר"ן, אז אפילו א מענטש זעט אז עס גייען אריבער ימים ושנים און ער ריקט זיך נישט פאראויס אין עבודת ה', זאל ער נישט אויפגעבן, נאר ווייטער ממשיך זיין.

ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "מען קען נישט אנקומען צום רבי'ן און וועלן כאפן אלעס אין איין טאג."

אז מען זיצט שוין דא א ווײלע און מען זעט אז עס גייט (נאכ)נישט, דארף מען זיך פריש מחזק זיין און אנהייבן נאכאמאל בעטן און בעטן דעם אייבערשטן, און מאכן פון דעם אליינס א תפילה: "הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל בעטן יעדן טאג אויף מיינע מידות, נאטורן, פחדים, אמונה, שלום בית, וכו' וכו'..."

אז מען זיצט ביים רבינ'ס טיש און מען הערט די דיבורים טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, און יאר נאך יאר, וועלן מיר צוביסלעך זען ווי די נאטורן, מידות, שאיפות און די נשמה טוישן זיך צום גוטן.

דאס וואס א מענטש טראכט "איך בין נאך פול מיט אלטע בלוט און איך זע נישט ווי איך ווער בעסער", מיינט נישט אז ער האט גארנישט אויפגעטון. עס מיינט נאר אז מען דארף נאך אביסל תפילה און נאך אביסל סבלנות, און נאך אביסל תפילה און נאך אביסל סבלנות, און נאך!

ש. ל. פליישמאן

# איפֿן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## א קשר מיט רבי שמעון א גאנץ יאר

דער הייליגער רבי איז קובע,
יעצט אז ס'איז דא א נחל נובע,
דארף אויך דער הייליגער תנא רבי שמעון,
צו דעם שפרודל'דיגע קוואל צוקומען.

די קוואל פון חכמה וואס טוט פליסן,
מיט געטליכע תורות, עצות און שמועסן,
די קוואל פון רבי'ן רבינו נחמן בן פיגא,
ברענגט די געפאלנסטע צו די שענסטע מדריגה.

די הייליגע טאג ל"ג בעומר איז שוין אריבער,
ביי די הדלקה האט זיך פארזאמלט א גרויסע ציבור,
פאר א גאנץ יאר האסטו עפעס מיטגענומען,
שיריים פונעם תנא אלקי רבי שמעון?

כשם שהקב"ה לכל, כך רבי שמעון בר יוחאי לכל,
רבי שמעון זאגט דו קענסט נאך זיין וואויל,
פונקט ווי דער אייבערשטער ווארפסט קיינעם נישט אוועק,
אפילו ער קוקט נעבעך אויס א פחד א שרעק.

דער הייליגער רבי ברענגט דעם זוהר צו אונז,
זיך אויפהייבן נאכאמאל דאס איז א קונץ,
זאגן צו זיך אליין, געב נישט אויף דו קענסט,
ביסט נישט פארפאלן האסט נאך א טשענס.

דער הייליגער רבי, אונזער ווערד אונז דערמאנט,
מיר זענען פון אבנים טובות איין שטיק דיימאנט,
דער אייבערשטער'ס ליבשאפט צו אונז איז אומגעהויער,
פון דעם רעדט זיך דאך די גאנצע זוהר.

רבי שמעון בר יוחאי האט געלערנט מיט זיין חבריא,
ווי דער אייבערשטער איז זיך משעשע,
ווען א איד טוט א (קליין) מצוה דא אונטן,
וויפיל עולמות עליונים טוט ער אנצינדן.

דער הייליגער רבי לערנט אונז ווי אזוי,
איינצוקעשן די ווערטער פון רבי שמעון בר יוחאי,
אויפזוכן ביי זיך און ביי יענעם צווישן די שארבן,
פינטעלעך גוטס, פינטעלעך שיינע פארבן.

רבי שמעון דערמאנט מיר זאלן נישט פארגעסן,
דו ביסט דעם אייבערשטן'ס פרינץ / פרינצעסן,
שאץ דיך נישט אונטער אלס יאנטשי / סילי,
פאר דיר איז די וועלט - לעב מיט בשבילי!

א גאנץ יאר נעם מיט דעם תנא'ס הילולא,
אז ביי אים זענען מיינע האלבע מצוות לכתחילה,
קענען מיר דען אין אונזער קאפ זיין מצייר,
א פשוטע איד, ווי הייליג און טייער?

א גאנץ יאר האלט רבי שמעון'ס יארצייט,
דער אייבערשטער וויל דיין נאנטע קשר פריוואט,
דער הייליגער רבי געבט דיך די כלים,
פארן אייבערשטן קענסט אלעס פארציילן.

אליינס גייען מיר נישט צום קוואל,
דער ראש ישיבה גייט פאר אונז די עקסטערע מייל,
אלע שיעורים די זעלבע דיבורים,
באשעפער איך וויל דיין נאנטקייט שפירן!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

מ. פעדער




# פיר פיצלעך

געווען איז עס אין איינע פון די טעג, נאך א טאג ארבעט, בין איך ארויף אויפן באס אפצונעמען מיינע קינדער פון די מוסדות.

איך זעץ זיך אוועק אויף איינע פון די ליידיגע זיצן, ווארטנדיג שוין אנצוקומען. אין מיין מח זעה איך שוין ווי מיינע קינדער לויפן צו מיר מיט פרייד; שכח אייבישטער זיי ווארטן שוין אהיימצוקומען, שכ'ח אייבישטער ס'איז זיי געשמאק אינדערהיים.

ביי איינע פון די סטאפס קומט ארויף אויפן באס א פרייע פרוי. א חלק פון איר קאפ איז יא באדעקט, וואס דאס ווייזט אז זי האלט יא עפעס אן אידישקייט; נעבעך, טראכט איך צו מיר. עס טוט אזוי וויי צו זען די הייליגע אידישע נשמות, תינוקות שנשבו וואס זענען אויפגעוואקסן מיט די פרייע (נישט) חינוך, זיי ווייסן נישט וואס עס איז ריכטיג.

די פרוי קומט ארויף, זי זעצט אראפ איר פיר יעריגע טאכטער אויף איינע פון די זיצן, בשעת איר רעכטע האנט האלט אן די האנט פון א דריי יעריג מיידל. מיט די לינקע האנט שטופט זי א קינדער-וועגעלע וואס אין דעם ליגט א יונגל פון בערך אנדערטהאלבן יאר, און אויף זיך האט זי אנגעטוהן אזא סארט טאש (קעריער) וואס אין דעם זיצט א בעיבי פון עטליכע חדשים.

זי זעצט זיך אוועק נעבן מיר און פארטיפט זיך אין איר פאון. וויאזוי פונקטליך מען קען באהאנדלען אזויפיל קינדער און אויך א פאון, ווייס איך נישט.

אבער די סצענע האט ערוועקט מיין נייגער: א פרייע פרוי מיט פיר פיצלעך? דאס איז נישט עפעס וואס מען זעט יעדן טאג.

איך האב איר געגריסט און געווארפן א קאמפלימענט אויף אירע קינדער, פראבירנדיג צו כאפן מיט איר א שמועס.

<

"וואויל איז דיר אז דו ברענגסט קינדער אויף דער וועלט," רוף איך זיך אן צו איר, "איך גלייב אז עס קומט נישט אן גרינג."

אנשטאט א קרעכץ, האט זיך אויסגעשפרייט א ברייטער שמייכל אויף איר פנים.

"איך בין שטאלץ מיט יעדעס קינד וואס איך האב," זאגט זי מיר מיט א שטארקייט, "און איך באקלאג זיך קיינמאל נישט אויף די שוועריגקייטן; איך פריי זיך מיט זיי, דאס איז מיין גאנצע געשמאק."

דא האב איך שוין געשטוינט: פון וואו נעמט זי די שטארקייט?

זעענדיג מיין וואונדער, האט זי מיר אנגעהויבן דערציילן אביסל פון אירע יוגנט יארן.

זי דערציילט מיר וועגן אירע עלטערן וואס האבן חתונה געהאט אין א שפעטן עלטער, אפאר יאר שפעטער איז זי געבוירן געווארן. זי איז אויפגעוואקסן א בת יחידה, גארנישט האט איר נישט געפעלט, אבער זי איז געווען איינע אליין אין א ליידיגע הויז. אירע עלטערן זענען רוב שעות פונעם טאג געווען ביי דער ארבעט, און זי האט אלץ געדארפט זוכן מיט וואס צו שטופן די צייט.

"איך בין אונטערגעוואקסן און מיינע עלטערן זענען אוועק," דערציילט זי מיר, "איך בין די איינציגסטע זכר וואס איז איבערגעבליבן פון זיי. איך האב ביי מיר דעמאלטס אפגעמאכט אז ביי מיר גייט עס נישט אזוי זיין. איך וויל האבן א שטוב מיט קינדער, פילע דורות וואס וועלן איבערבלייבן ווען איך וועל אוועקגיין פון דער וועלט."

זי דערציילט מיר וויאזוי זי האט חתונה געהאט ביי די 18 יאר, און יעצט ביי די 22 יאר אלט האט זי שוין ב"ה פיר קינדער. זי זאגט מיר אז אירע פריינד שפעטן פון איר, טענה'נדיג אז זי איז נאך יונג און יעצט איז די צייט צו "מאכן א לעבן".

**ביי די 22 יאר אלט האט זי שוין ב"ה פיר קינדער. זי זאגט מיר אז אירע פריינד שפעטן פון איר, טענה'נדיק אז זי איז נאך יונג און יעצט איז די צייט צו "מאכן א לעבן".**



"טאקע יעצט ווען איך בין יונג," ערקלערט זי זיי, "איז די ריכטיגע צייט צו ברענגען קינדער."

די באס איז אנגעקומען צו מיין דעסטינאציע; איך געזעגן זיך פון די פרוי און גיי אריבער די גאס צו מיינע ווארטנדיגע קינדער.

אזוי אויפן וועג אהיים מיט מיינע לעכטיגע קינדער וואס דער באשעפער האט מיר געשאנקען, הערנדיג זייערע מעשה'לעך פונעם היינטיגן טאג, דערמאן איך זיך אין מיין חשוב'ע באבע זאל לעבן, וואס האט קע"ה א שטוב מיט פופצן קינדער.

איר מאמע ע"ה האט געהאט בלויז צוויי קינדער: מיין באבע און נאך איין זון וואס האט ליידער אפגעלאזט דעם אידישן וועג. מיין טייערע מאמע געדענקט נאך ביז היינט די ווערטער וואס איר באבע - מיין עלטער-באבע - פלעגט שטענדיג זאגן פאר מיין באבע: "וואלט איך געוואוסט וויפיל נחת איך גיי האבן פון מיין איינציגע טאכטער, וואלט איך געווען גרייט צו האבן א גאנצע שטוב מיט קינדער."

איך באטראכט מיינע קינדער ווי זיי לויפן פאראויס, ווען אין מיין מח זינגען זיך די ווערטער: "א מחיה, א גרויסע משפחה, נאך א בעיבי, נאך הצלחה!"

וואויל איז אונז אידישע פרויען; מיר זענען די וואס שטעלן אויף כלל ישראל. שכויח אייבערשטער וואס דו האט אונז געגעבן די זכיה אויפצושטעלן דורות, צו ברענגען קינדער, אויפשטיין פאר זיי, אפווישן, באדן, און איינשלעפן.

פאר וועמען טוען מיר דאס אלעס? נאר פארן אייבערשטן.

"אמת'דיג גערעדט," האט מיר א פרוי אמאל געזאגט, "דו ברענגסט קינדער פארן אייבערשטן? דו ברענגסט קינדער פאר זיך, פאר דיין אייגענעם געשמאק."

עס איז אמת, מיט די הקדמות פונעם רבי'ן איז האבן קינדער א געשמאק. אנשטאט צו זאגן "אוי, קינדער," זינגט מען ביי אונז "אה, קינדער! א מחיה, קינדער!"

דאס מיינט אבער נאך נישט אז עס קומט אלעמאל אן גרינג. א אידישע מאמע איז אפטמאל אויסגעמוטשעט, ספעציעל ווען די קינדער זענען נאך קליין און מען האט קוים צייט צו אטעמען. דאך וויל א אידישע מאמע ברענגען נאך קינדער. ווי דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט ביי א שיעור: "אידישע מאמעס זענען גרייט זיך אינגאנצן אוועקצוגעבן פארן אייבערשטן."

פארוואס ברענגט מען קינדער? פארן אייבערשטן. מיר ווילן אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות וואס וועלן דינען דעם אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז ער וויל האבן א זון וואס זאל גיין אין שול אנטוהן טלית און תפילין. דאס איז אונזער ציל.

> איר באבע פלעגט שטענדיג זאגן פאר מיין באבע: "וואלט איך געוואוסט וויפיל נחת איך גיי האבן פון מיין איינציגע טאכטער, וואלט איך געווען גרייט צו האבן א גאנצע שטוב מיט קינדער."

אמת, יעצט איז עס שווער, אבער באלד וועלן די פאר יאר דורכגיין; די קינדער וועלן אונטערוואקסן, די נחת וועט קומען, און מיר וועלן זיך נאך בענקען נאך די דאזיגע יארן.

און אויב האב איך ווייניגער קינדער פון א צווייטן, וועל איך זיך נישט אראפקלאפן; דאס נעמט נישט אראפ פון מיין ווערד. איך לאז זיך פירן פונעם אייבערשטן. דער אייבערשטער מאכט מיין משפחה-פלאן; ער איז דער וואס פסק'נט ווען איך וועל האבן נאך א קינד, וויפיל קינדער איך וועל האבן, און ווען איך דארף זיך אפרוהען.

און איך וועל אים דאנקען פאר יעדע מתנה וואס ער געבט מיר.

און אויב האב איך נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, וועל איך נישט אויפגעבן; איך וועל ווייטער בעטן דעם אייבערשטן, און איך וועל וויסן אז איך בין זייער חשוב ביי אים. דער אייבערשטער האט אזא נחת רוח פון מיין ווילן און האפן.

אפילו אויב עס קוקט מיר אויס ווי איך גיי חלילה קיינמאל נישט האבן קיין קינדער, וועל איך נישט אויפגעבן. איך וועל זיך דערהאלטן מיט אלע כוחות, און איך וועל נאך מיט דעם אייבערשטנ'ס הילף דערלעבן שיינע זאכן.

אין א פאר יאר ארום, ווען איך וועל זיין אן איבערגעשטרענגטע מאמע וואס לויפט פון איין קינד צום צווייטן, וועל איך שוין נישט געדענקען ווי ליידיג און שטיל מיין שטוב איז אמאל געווען.

"הייליגער באשעפער, געב מיר ערליכע קינדער, וואוילע קינדער, הייליגע קינדער; קינדער וואס זאלן באלייכטן די וועלט, קינדער וואס זאלן לעבן מיט'ן אייבערשטן און לעבן מיט צדיקים.

געב מיר די כוחות צו ערציען מיינע קינדער און העלף מיר איך זאל זיי קענען מחנך זיין אויפ'ן ריכטיגן וועג. איך זאל אלעמאל נאר זען דאס גוטס אין זיי און איך זאל זיי קענען אויסרימען."



# Cheese Kreplach

By: S. Levy

## Dough:

8 oz sour cream
8 oz whipped cream cheese
2 eggs
1 tbsp oil
4 1/2 cups flour
Pinch of salt
Filling:
16 oz farmer cheese
6 tbsp sugar
2 eggs
2 vanilla sugar
1 1/4 tsp lemon juice

**Dough:**
Combine all ingredients and knead into dough. Divide in 5 and roll out each dough to a 12x12 square (Doing so on a silicon mat or parchment paper makes it a lot easier) Cut into 3x3 squares.
**Filling:**
Combine and mix thoroughly.

## Filling:

Place about tsp filling in center of each square. Fold squares in half diagonally forming triangles. Pinch edges tightly and press down with fork.
In large pot heat water with 1/2 tsp salt and bring to boil. Drop kreplach into boiling water and cook for 15 min until they rise to surface. Remove and drain well.
Fry in butter before serving.
Optional: Shpritz with honey after frying.
Optional: Dip in breadcrumbs while still hot (Ostreicher's crushed cookie crumbs for sweeter taste)

Yield:
80 kreplach

אזוי ווי א בעבי! נאך א
טעם זאגט אונז כסדר
דער ראש ישיבה
פארוואס מען עסט
מילכיגס שבועות, ווען א
קינד ווערד געבוירן עסט
עס נאר מילכיגס, מיר
דארפן שפירן ביי זיך ווי א
בעבי - יעצט געבוירן,
פריש אראפגעקומען
אויף דער וועלט, נישט
שייך צו קוקן אויף צוריק!
נאר אזוי קענסטו ריכטיג
מקבל זיין די תורה


ג. פעקעטע

# האק האק האק

זיבן וואכן ציילן מיר זיבן טעג פון די וואך ביז 49 טעג, דאן קומט מען אן צו די שפיץ, די הויכפונקט, וואס איז די 50'סטע טאג ביים בארג סיני.

מיר ווייסן אלע אז ספירה איז א צייט וואס מ'ציילט ארויף, יעדע טאג איז נאך א שטיינדל, נאך א טריט העכער, נענטער, זיך צו הייליגן פאר קבלת התורה.

די זיבן וואכן פון ספירות וואס מ'ציילט זענען חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות.

איינע פון די לעצטע וואכן צוצוקומען צו די קדושה, צו זיין גרייט צו מקבל זיין די תורה שבועות, איז יסוד. ביי די טאג וואס מ'ציילט 'חסד שביסוד' איז די געבורטס טאג פון מוהרא"ש. מוהרא"ש רעדט זייער אסאך וועגן 'יסוד'. אויב די יסוד איז נישט גאנץ, אויב די יסוד איז נישט שטארק, וועט אלעס צופאלן, אזויווי ס'איז געווען א צייט צוריק אין סורפסייד, פלארידע, א ריזיגע בנין איז איינגעפאלן, ווייל דער יסוד דערפון איז געווען שוואך, מ'האט געקארגט צו פאררעכטן דעם יסוד. ס'קען טאקע זיין אז אינדרויסן זאל אלעס אויסזען גלאנציג און שיין, אבער דער אינעווייניגסטער חלק, דער יסוד, מוז ווערן פאררעכטן, מוז זיין גאנץ.

- - -

נעבן מיין הויז איז דא א צווייטע הויז. פאר מיר האבן זיך אריבערגעצויגן אין אונזער

יעצטיגע הויז, האבן מיר קודם געקוקט אויף יענעם הויז צו קויפן. עס איז געווען גאר א שיינע הויז, ממש גרייט אריינצומופן אן מ'זאל דארפן אין דעם אריינלייגן קיין שום ארבעט.

מיר זענען געווען גרייט צו קלאוזן אויף יענעם הויז, אבער דער אייבערשטער האט געפירט אז איינער האט עס גענומען פאר אונז... זיכער לטובה. די צווייטע אפציע איז דאן צושטאנד געקומען.

מיר האבן זיך ביידע אריינגעצויגן אין די זעלבע צייט אין אונזער נייע דירות. נאך צוויי קורצע יאר וואס זענען אדורך, האב איך געזען אז ביי יענעם דירה אויף וואס מיר האבן פריער געהאט אן אויג הייבט זיך אן צו רודערן, מ'גראבט, מ'זעצט, אלע סארט בוי-ארבעטעריי קומט פאר ביי יענע הויז.

צוערשט האבן זיי אויסגעריסן די גאנצע לענדסקעיפינג פון די פראפערטי, עס איבערגעמאכט שענער און מער אפגערעידעד ווי עס איז געווען פארדעם, עס אויסגעשטעלט אויף א נייע אויסזען, און אריינגעלייגט א ריזיגע קינדער שפיל פלאץ אויף איין זייט פון די פראפערטי.

עס האט געהאט גליטשערס, סווינגס, א שווים באסיין זיך אריינצוגליטשן און א פלאץ פון באליס פאר די קינדער צו טאנצן דעריין. עס האט געהאט אויך א סענדבאקס, א העמאק סווינג, א מערי-גאו-ראונד, א מאנקי באר, און אזוי ווייטער... אלעס וואס א קינד קען זיך אויס'חלומ'ען. א מחיה! זיי זענען געווען גוטע, און זיי האבן געלאזט אלע קינדער קומען שפילן און פארברענגען דארט.

די ארבעט האט גענומען היבש א שטיק צייט, וואס דערוויל האט די גאנצע פראפערטי אויסגעזען צעווארפן און צעשאסן. אבער דאן, ווען די פארק איז געווארן פארטיג, האט מען טאקע געקענט פון דעם הנאה האבן. פארשטייט זיך, נאר פאר די ערשטע שטיק צייט וואס ס'האט געהאט די וואוו דערפון. דאן זענען שוין די קינדער געווארן באורד דערפון, און די פארק איז געשטאנען ליידיג אינדרויסן.

אפאר וואכן דערויף, ווען די ווינטער איז אנגעקומען, האט מען ווידער געהערט דעם האמער'ס קלאפ. וואס איז יעצט? יעצט בויעט מען איבער די קאך. פאר אפאר חדשים איז געזעצן די ווען פון די קאך קאמפאני, און יעדן טאג האט מען געזען ווי די ארבעטערס קומען אריין און גייען ארויס, שלעפן, ברענגען, צעהאקן, צעווארפן, מ'דעליווערט די נייע שענק, און מ'לייגט אריין אן אפדעיטעד מאדערן קאך אין די הויז וואס איז געווען גענצליך שיין און באקוועם פריער אויך. שוין, מ'האט שוין געהערט אזאנס, איינער זאל שפירן ווי זיי ווילן זיך אפגרעידן זייער קיטשען.

עס גייט דורך נאך אפאר חדשים וואס די בוי ארבעט פון דעם קאך האט זיך געענדיגט, אפאר וואכן פון אומגעשטערטע שטילקייט אין די לופט, און דאן... די ארבעטערס זענען צוריק.

וואס איז יעצט? מ'גייט צולייגן א שטאק צו די הויז.

מ'הייבט אן די ארבעט. דאסמאל אויף פיל א גרעסערן פארנעם. עס זענען געזעצן טראקס, טרעילערס, און עטליכע ארבעט'ס קארס אינדרויסן פון דער הויז פאר צוויי יאר אין א צי, נישט איבערגעטריבן.

יעדן טאג זענען די ארבעטערס געקומען פרי אינעם טאג, און געבליבן ביז שפעט אויף דער נאכט, און אריינגעארבעט אין דעם בא'טעמ'טע שיינע דירה, וואס מען האט יעצט געמוזט צופיצן, מאכן שענער, גרעסער, און מער אפ-טו-דעיט.

ווען איך האב זיך באגעגנט מיט מיין שכינה, האט זי מיר מסביר געווען אז ס'איז טאקע זייער אומבא'טעמ'ט צו וואוינען אזוי- שוין עטליכע יאר- וואס מ'איז ביזי מיט די בוי-ארבעט, סיי פון דרויסן, סיי אינעווייניג, און אוודאי כסדר העכערן קאפ הערט מען האקן קנאקן און זעגן, ווי מ'בויעט ארויף א שטאק, אבער, לאזט זי אויס, "איך ווייס אז איין טאג וועל איך האבן אזא שיינע הויז, א הויז וואס איז אמת'דיג מיין חלום, אז ס'איז מיר אלעס כדאי אויסצואווארטן אויף יענעם טאג".

אזוי איז צוגעקומען נאך און נאך בעלי מלאכה, מ'האט אריינגעלייגט ריזיגע פענסטערס פון אויבן ביז אונטן, מ'האט געבויעט נייע פארטשעס, מ'האט איבערגעמאכט די אויסזען פון די הויז און די שעיפ פון די טירן, די קאלירן האט מען אויך אינגאנצן געטוישט אז ס'זאל האבן א נייע אויסזען.

איך טראכט צו זיך פון די לעצטע דריי-פיר יאר, ווי עס איז פארבייגעגאנגען א זומער, א ווינטער, א פסח-סוכות-שבועות, א חנוכה, א ספירה, אן אפשערן, א נייע בעיבי געבוירן געווארן למזל טוב, סיומים, און פיל נאך מיילסטאונס וואס קומען שטענדיג אונטער.

איך האב זיך דערמאנט וויאזוי מיר האבן עס געפראוועט אינדערהיים; ארומגעדרייט

*איך ווייס אז איין טאג וועל איך האבן אזא שיינע הויז, א הויז וואס איז אמת'דיג מיין חלום, אז ס'איז מיר אלעס כדאי אויסצואווארטן אויף יענעם טאג.*

אביסל די טישטוך, געלייגט א קאלירטע נעפקין, פרובירט צו באקן א ספעציעלע געבעקס לכבוד יענעם מצב, און אזוי זיך פרייליך געמאכט אין שטוב מיט די מאן און קינדער, מיט דאנק ווערטער צום אייבערשטן.

איך פראביר זיך פארצושטעלן ווי אזוי איך וואלט ווען געשפירט אז איך קען זיך ווען נישט פרייליך מאכן אין די אלע פאר יאר, ווייל איך קוק נאך ארויס אויף מיין נייע קאך, אדער אויף מיין איבערגעבויטע שאפעס, אדער אז אפשר וועט מען נאך ארײנלייגן א נייע סארט ספרינקלער אין די פראפערטי.

שכח אייבערשטער אז דער רבי געבט אונז א וועג זיך פרייליך צו מאכן פון אינעווייניג מיט די מצווה'ליך, מיט "שלא עשני גוי"... און מ'דארף נישט אלע יארן ארויסקוקן אויף די טאג ווען איך וועל שוין קענען זיין פרייליך ווייל איך וועל שוין אפשר באקומען '--------'.... נאר מיר האבן דעם רבינ'ס עצות וואס לערנט אונז אז עס איז נישט קיין זאכן וואס קענען פרייליך מאכן, אדער פארקערט.

ווען וועט מען שוין יא זוכה זיין צו שמחה? ווי אזוי קען מען טאקע זוכה זיין צו שמחה? דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט, א רחמנות אויף א מענטש וואס בויעט א הויז, אדער א נייע קאך, אדער ווארט אויף א נייע קאר, אדער א נייע קלייד, ווייל ווי לאנג מ'ווארט נאך, איז גוט, ווייל מ'קוקט ארויס אויף די שמחה וואס מ'וועלט שפירן ביים פארענדיגן דעם חלום וואס מ'קוקט שוין אזוי ארויס אויף. ווילאנג א מענטש האט נאך נישט באקומען זיין חלום, האט ער נאך עפעס א שטיקל האפענונג פון זיין פרייליך, ווייל ער איז פרייליך אויף וואס ער גייט האבן. אבער ווען ער האט עס שוין, דארף מען גרויס רחמי שמים זיך צו קענען דערהאלטן, ווייל אויב די שמחה איז געווּאנדן אין א גשמיות'דיגע זאך, איז עס קיין שמחה נישט. און ווען מען באקומט עס שוין, זעט מען אז די שלום בית איז נישט בעסער געווארן, די קינדער'ס אויפירונג האבן זיך נישט געטוישט, און מיינע אייגענע נאטורן זענען געבליבן שטיין אויף די זעלבע פלאץ ווי פאר זיך ארײנלאזן אין דעם חלום.

וואס יא? שמחה איז די יסוד. עס איז א זאך אויף וואס מיר דארפן מאכן אסאך תפילות. אזוי ווי מערסטנס בריוו אין "אשר בנחל" ענטפערט מוהרא"ש פאר די מענטש וואס בעט אן עצה, 'אז די עיקר פראבלעם איז אז דו ביסט נישט פרייליך; ווען דו וואלסט ווען געווען פרייליך, וואלט אלעס גוט געווען'.

שמחה איז א יסוד וואס מאכט אלעס שטיין גראד, שטארק און פעסט. מיר דארפן נאר בעטן אסאך תפילות אויף שמחה, ווייל עס קומט נישט פון זיך אליין. אזוי ווי עס שטייט, "לא כל מי שהוא שמח היום, שמח למחר"- ווער ס'איז פרייליך היינט איז נאכנישט פארזיכערט אז ער וועט זיין פרייליך מארגן אויך. די שמחה ווארט נישט אויף קיינעם, און ס'איז נישט דא קיין געשעפט אדער פעקטארי וואס פאבריצירט שמחה. עס איז א יסודות'דיגע ארבעט, וואס מיר דארפן שטענדיג בעטן דערויף.

און אז מ'בעט אויף שמחה, קען מען באמת זוכה זיין צו ווערן פרייליך, צופרידן, און צו זיין א שטארקע מענטש. דעמאלט באדערט שוין נישט וויאזוי דער מאן גייט, וויאזוי א קינד רעדט, וויאזוי די אייגענע נאז קוקט אויס, ווייל מען שפירט אן אמת'ע שמחה וואס איז אינערליך. עס האט נישט צו טון מיט וואס מען האט יא, וואס מען האט נישט, אדער מיט קיין שום דרויסנדיגע השפעה.

לאמיר ארײנכאפן אין די פאר פארבליבענע ספירה טעג, בעטן אויף אונזער יסוד, זוכה צו זיין צו אמת'ע שמחה: אזוי וועלן מיר קענען אויפבויען שיינע, שטארקע יסודות.

און יעצט, בשעת'ן ליינען, איז די בוי ארבעט ביים שכן נאך אלץ נישט געענדיגט... האק האק האק...

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו ל. וועבערמאן 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## ה. טעסלער
בית שמש

שכח אייבערשטער פאר די ריזיגע מתנה וואס דו האסט מיר געשאנקען צוויי חדשים צוריק - א לעכטיג, זיס און געזונט אינגעלע.

איין טאג האב איך באמערקט אז מיין בעיבי איז זייער פארקילט; ער האט געהיסט זייער שטארק, ער איז נישט געווען רואיג און עס האט אויסגעזען ווי ער פילט נישט גוט.

איך האב אים גענומען צום דאקטער, און ער האט געזאגט אז עס זעט אויס ווי א ווירוס וואס דארף אליין אריבערגיין. מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל זיך שנעל אויסהיילן און פילן גוט.

למעשה, נאך צוויי טעג האט מיין בעיבי באקומען הויכע פיבער. מיר האבן געקאלט די דאקטער אפיס און זיי האבן געזאגט אז א בעיבי אינטער צוויי חדשים מיט פיבער מוז מען גלייך ארייגפירן אין שפיטאל, כדי צו טשעקן אז ער איז נישט אויסגעטריקנט און אז ער האט נישט קיין אינפעקציע.

מיר זענען אריין אין שפיטאל און ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן פאר א גאנצע רפואה, און נאך מער געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט אונז. נאכן זען דארט אזעלכע שרעקעדיגע פעלער פון נישט געזונטע מענטשן, דאנקט זיך עס שוין פון זיך אליינס אז מיר זענען געזונט און שטארק.

שכח אייבערשטער אז ביז עטליכע שעה זענען אלע טעסטן פון די בעיבי ארויסגעקומען גוט, און מען האט אונז אהיים געשיקט נאך אין יענעם טאג. דער אייבערשטער ווארט מען זאל אים בעטן און דאנקען.

## ש. וו.
קרית יואל

איינער האט מיר געדארפט געבן געלט שוין זייער לאנג, און איך בין געווען אנגעווייטאגט אויף יענעם היתכן זי באצאלט מיר נישט אויף מיין ארבעט וואס איך האב געמאכט.

איין טאג בשעת'ן דאווענען שמונה עשרה האב איך מיר דערמאנט דערפון, איך האב דאן געבעטן דעם אייבערשטן ביי שמע קולינו אז יענער זאל מיר באצאלן פאר מיין ארבעט.

שפעטער נאכמיטאג באקום איך א רוף פון איינעם אז די טשעק איז אנגעקומען צו אים אויף די פאסט.

זעט אויס אז עס איז בטעות אנגעקומען צו איר אנשטאט צו מיר.

צוויי זאכן וואס איך האב געזען דערפון, איינס אז תפילה העלפט אין יעדן מצב.

צווייטנס אז מען מוז דן זיין א צווייטן לכף זכות, איך בין נעבעך געווען אנגעווייטאגט אויף יענעם, בשעת יענער האט עס שוין לאנג געהאט געשיקט פאר מיר.

אלץ איז בעסער יענעם אנצורופן פרעגן און זיך אויסשמועסן, ווי איידער צו בויען פאלשע מעשיות אויף יענעם.

הוי דן את כל האדם לכף זכות.

קינדער היים

מען פארט
ביי רויט און
שטעלט זיך
אפ ביי גרין

- געב א שמייכל



# "איך וועל זיי אזוי שטארק ליב האבן, ביז זיי וועלן אלע ווערן ערליך"

יארצייט פון די וואך - דער הייליגער אהבת ישראל מ׳וויזניץ זי״ע

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן אהבת ישראל זי"ע**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **ר' אלחנן וואסערמאן**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה




געווינער פון פארגאנגענע וואך: **יוסי אינדיג**



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **אנגרייטן הערליכע בלומען לכבוד יום טוב שבועות!**





## טרעף די ווערטער

לכבוד דעם הייליגן יום טוב שבועות ווען מיר אלע גייען באצירן אונזער שטוב מיט הערליכע בלומען, טרעף צו וויפיל מאל שטייט

*****בלומען*****

(דאסווארט 'בלומען' מיט דריי בלומען בייביידע זייטן) אינעם קעסטל.

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| * | * | * | ב | ל | ע | נ | * | * | * | א |
| * | ת | * | ל | ב | * | * | * | * | * | ו |
| * | נ | * | * | ל | מ | * | * | ז | * | ס |
| * | ג | מ | * | ו | * | * | נ | ו | * | ה |
| * | * | * | * | מ | ח | * | ע | פ | * | * |
| נ | ע | * | * | * | * | ב | מ | * | ב | ת |
| ע | ד | כ | * | * | * | ל | ו | * | ל | * |
| מ | ח | ל | * | * | * | ו | ל | * | ו | * |
| ו | * | * | נ | ב | * | מ | ב | ב | מ | * |
| ל | * | * | ע | ה | * | ע | * | ל | ע | ב |
| ב | * | ס | מ | ל | * | נ | * | ה | נ | ל |
| * | ר | * | ו | ע | * | * | * | ע | * | ו |
| * | * | ב | ל | נ | ב | * | נ | נ | * | מ |
| * | * | * | ב | * | ל | * | ע | * | * | ע |
| * | ח | * | * | * | ו | * | ט | * | * | נ |
| * | * | ג | * | * | מ | פ | ל | * | * | * |
| * | * | * | * | נ | ע | ל | ב | * | * | * |
| ת | * | ע | ס | ט | נ | ח | * | * | ג | * |
| ג | * | * | * | * | * | ח | * | * | * | * |
| ע | צ | פ | * | * | * | ס | * | ה | י | נ |
| ז | * | * | * | * | * | * | ח | ה | * | צ |
| ג | צ | ג | * | * | * | * | ת | * | * | פ |

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

י 

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "וואו ווייט איז פון מויל ביזן הארץ?..."

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט: הושענא רבה איז דער עיקר דאס זאגן, שבועות איז דער עיקר דאס**

א. לערנען
ב. אויף זיין
ג. תיקון ליל שבועות
ד. דאווענען

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

וועלכע דריי צייטן פון יאר פלעגט מען קומען צום רבי'ן?

ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות

## געב א שמייכל

**ווען גייט מען ווייטער ביי רויט און מ'שטעלט זיך אפ ביי גרין?**

*ווען מ'עסט א מאלאנע*

געברענגט צו אייך דורך דער קיפה וואס האט אויסגעטיילט פופציג אלפים פארלאפענעם פסח

## א שטיקעלע ספר המדות

**אמונה**

**ב. עַל יְדֵי עֲנָוָה, תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה.**

אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה.



# קליין און שיין



אדי היימליך




מלכי יאקאבאוויטש



חיים טייטלבוים - לג בעומר שיסער



יושע היימליך



אליעזר שלמה וועבערמאן



אליעזר שלמה שטיינבערג



שמואלי פעקעטע



חיים שלום און יצחק ווערטהיימער



נחמן נתן ראבינאוויטש



יחזקאל ראטה


תלמוד תורה קרית יואל


משפחת מזרחי


יוטי שטיינבערג


בית פיגא ערשטע קלאס – בארג סיני


בית פיגא ערשטע קלאס – בארג סיני


בית פיגא ערשטע קלאס – בארג סיני


יואלי בירנבוים – לג בעומר


איסר אין מרדכי שווארטץ


מענדי שווארטץ


סילקי ראטענבערג


אליעזר שלמה שטיינבערג


יוסי פרידריך

# יאָרצייט

דער הייליגער
**אהבת ישראל**
זי"ע

יארצייט:
ב' סיון

**קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג, ב' סִיוָן, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" פוּן וִויזְנִיץ זצ"ל, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הַאגֶער זי"ע.**

מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן דֶער "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" וַוייל זַיין לִיבְשַׁאפְט צוּ יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ צוּם נִידְרִיגְסְטְן, אִיז גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיג גְרוֹיס. דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶען אִין יֶעדְן אִיד 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת'.

צַדִיקִים פְּלֶעגְן זָאגְן אַז דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל פְּלֶעגְט קוּקְן אַזוֹי שֵׁיין אוֹיף יֶעדְן אִיד, אַז בְּלוֹיז דוּרְךְ זַיין בְּלִיק פְּלֶעגְן שׁוֹין אַסַאךְ אִידְן תְּשׁוּבָה טוּן.

אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד וָואס אִיז לֵיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עֶרְלִיכֶער גֶעקוּמֶען צוּם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל בֶּעטְן אַ בְּרָכָה. נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעשִׁיקְט זַיין גַבְּאַי אִים צוּרִיקְרוּפְן. וֶוען דֶער אִיד אִיז צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען, הָאט זִיךְ דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט מִיט דִי לָשׁוֹן: "טוּט מִיר אַ טוֹבָה, אוּן זַייט מַצְלִיחַ."

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיס אוּן שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט, אַז יֶענֶע יָאר הָאט עֶר טַאקֶע גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי בְּרָכָה פוּן דֶעם צַדִיק.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אִיד תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּ אִידִישְׁקֵייט. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער צַדִיק הָאט אִים צוּרִיקְגֶערוּפְן, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעזֶען אִין יֶענֶע מִינוּט אַן עֵת רָצוֹן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים צוּרִיקְגֶערוּפְן כְּדֵי אִים צוּ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה. דָאס הָאט דֶעם אִיד זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען; עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, הָאט אִים דֶער צַדִיק אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט אוּן



אִים גֶעוואוּנְטְשְׁן אַלֶעס גוּטְס. דָאס הָאט אִים שְׁפֶּעטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אַיינְצוּזֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן בִּיז עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דָאס רַבָּנוּת אִין דִי שְׁטָאט גְרוֹיסְוַוארְדֵיין, אִיז דִי שְׁטָאט גֶעוֶוען פוּל מִיט אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען וַוייט פוּן תּוֹרָה אוּן אִידִישְׁקֵייט. וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רָב וִויאַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען בַּאוַוייזְן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן מַאכְן דִי שְׁטָאט עֶרְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן עֶרְלִיךְ."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רפ"ב), אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט דָאס גוּטְס אִין אַ צְוֵוייטְן אִיד, קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. אוֹיבּ אֲפִילוּ אַ אִיד וָואס אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ קֶען מֶען טוֹישְׁן אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק אוֹיבּ מֶען הָאט אִים לִיבּ, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַז אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זוּכְן אוּן טְרֶעפְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן אִין יֶעדְן אַרוּם אוּנְז, וֶועט יֶעדֶער נָאר וֶוערְן שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער.

נָאךְ אַלְס בָּחוּר הָאט דֶער וִויזְשְׁנִיצֶער רֶבִּי, דֶער בַּעַל 'דַמֶּשֶׂק אֱלִיעֶזֶר' זצ"ל, גֶעקוֹיפְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' פַארְן סְפָרִים-שַׁאנְק אִין דִי יְשִׁיבָה (וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי הַנְהָגָה פוּן זַיין בְּרוּדֶער, הגה"ק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִוישָׁאוָוא זצ"ל). וֶוען זַיין פָּאטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער 'אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל' זי"ע, הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "לֵייג דֶעם סֵפֶר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ

יֶעדֶער וָואס וִויל זִיךְ אַרייַנְטוּן אוּן לֶערְנֶען אִינֶעם 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', זָאל עֶס קֶענֶען טְרֶעפְן..."

דֶער וִויזְשְׁנִיץ-מָאנְסִי רֶבִּי זצ"ל הָאט פַארְמָאגְט בַּיי זִיךְ אַ 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' וָואס עֶר הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט פוּן זַיין זֵיידְן, דֶער 'אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל'. הַיינְט צוּטָאגְס גֶעפִינְט זִיךְ דֶער סֵפֶר בַּיי זַיין זוּן, הגה"צ רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר וָואלְף הַאגֶער שְׁלִיטָ"א.

דֶער גָאוֹן רֶבִּי שְׁמוּאֵל טוּבְיַאס זצ"ל, רָב אִין פִּיאַטְרָא-נִיאַמְץ (רוּמֶענְיֶע), הָאט דֶערְצֵיילְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין מַיין לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת' פוּן רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע, אִיז גֶעוֶוען בַּיים זֵיידְן, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל פוּן וִויזְשְׁנִיץ."

פִּילֶע אִידְן זֶענֶען נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיקְצוּקוּמֶען צוּ



אִידִישְׁקֵייט דוּרְךְ זַיינֶע טִישְׁן וָואס עֶר הָאט גֶעפִירְט, אוּן דָאס דַאוֶונֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְגֶעזַאפְּט מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן וִויזְנִיצֶער חֵן.

זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע עֲבוֹדָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן זַיין שְׁטַארְקֶע תְּשׁוּקָה צוּ מְפַרְסֵם צוּ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, הָאבְּן אָנְגֶעצִינְדְן אַ רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אִין יֶענֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן. זַיין הֵיילִיגֶע צוּרָה הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף אַלֶע שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּנֶעם רוּמֶענִישְׁן אִידְנְטוּם. עֶר אִיז אַוֶועק ב' סִיוָן תרצ"ו, אוּן עֶר לִיגְט אִינֶעם אֹהֶל הַקָּדוֹשׁ פוּן דִי וִויזְנִיצֶער רֶבִּי'ס, וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִינֶעם שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת בֵּית הַחַיִּים, אִין בְּנֵי בְּרַק.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זֶען דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם - אִין דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, חֲבֵרִים, אוּן אִין יֶעדֶע אִיד.



# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער












לאמיר רייסן בלומען און
צווייגן לכבוד שבועות

געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



## שבועות גערעדט

קינדער היים

# וואס איז דיין בעסטע זאך פון יום טוב שבועות?

שיק אריין די ענטפער

**ביז זונטאג נשא 12:00 נאכמיטאג**

אויף 845-379-1161 אדער אויף kinderheim@bletelmagazine.com

ביטע איבערגעבן קלאר די **נאמען, יארגאנג,** און **וואוינארט**

